STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11962

YUBILEYUM-SHRIFT TSU AV. KAHAN'S 50STEN GEBURTSTOG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1860—1910

יובילעאום-שריפט

צו

אַב. קאַהאַן'ס
50סטען געבורטסטאג

ארויסגעגעבען פון דעם
י ו ב י ל ע א ו ם - ק אָ מ י ט ע

ניו יאָרק,
11טען נאָוועמבער,
1910.

אינהאַלטס־פערצייכניס:

זייטע

די ערוואַכונג, געדיכט, — פון א. ליעסין 3

דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון קאַהאַן׳ס לעבען, — פון שאול באַדאַנעס 7

מיין ערשטע בעגעגעניש מיט אב. קאַהאַן, — פון דר. ראַיעווסקי 15

אב. קאַהאַן אַלס גרינהאָרן, — פון אַלעקס. האַרקאַווי 25

ערינערונגען פון קאַהאַן׳ס גרינע צייטען, — פון דר. ה. ספּיוואַק 30

די ערשטע צעהן יאָהר, — פון ב. ווייבשטיין 36

אב. קאַהאַן אין די היציגע יאָהרען פון דער בעוועגונג,
— פון ב. פייגענבוים 63

ווי איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט, — פון אב. קאַהאַן 77

אב. קאַהאַן, צו זיין יובילעאום, געדיכט, — פון מאָריס ראָזענפעלד 85

אַ גרוס פון אַ פריינדליכען געגנער, — פון ש. יאַנאָווסקי 87

אב. קאַהאַן, אַ פּערזענליכע אָבשאַצונג, — פון מ. באַראַנאָוו ... 90

אב. קאַהאַן אלס ענגלישער ליטעראַט, — פון וויליאם דיען האַועלס 94

בעגריסונגען, — פון פעלפּס סטאָוקס און טשארלז עד. ראָסעל .. 97

אב. קאַהאַן׳ס ענגלישע ווערק אין רוסלאַנד, — פון ט אַ ן 99

אב. קאַהאַן׳ס ליטעראַרישע ארבייט אין אידיש, ענגליש און רוסיש 107

וואו איהר קענט לעזען וועגען אב. קאַהאַן 109

יובילעאום קאָמיטע 110

רעדאקציאָנס קאָמיטע 111

די ערוואַכונג.

פון א. ליעסין.

ברן יחד כוכבי בקר.
(איוב).

שטיל איז אַרום די נאַטור און זי דרעמעלט
צערטליך אין שוים פון דער נאַכט;
טיעף האָט דאָס לעבען פערשטומט, און די הימלען
ליעגען פער׳כשופ׳ט אין פראַכט.

שיינענדע ליעגען די הימלען, די בלאָהע,
גלייך ווי פון זיידענם געוועבט;
קעניגין לבנה אין נאַכטליכען מאַרש דאָרט
פייערליך טראָגט זיך און שוועבט.

טויזענדער שטערען, בעגליקטע, ענטציקטע,
געהען מיט גרויסען רעספּעקט
לאַנגזאַם אַרום ביי די זייטען, און האָבען
הימלישע ליעדער ערוועקט.

טויזענדער בלאָהליכע, בלישצענדע שטערען
שטעלען מעלאָדיש זיך פּאָר;
שלאַנק און האַרמאָניש אויף טויזענדער שטראַהלען
טראָגט זיך דער הימלישער כאָר.

עפּעס־וואָס הערליכעס, לויטערעס, גרויסעס
גיסט זיך פאַנאַנדער אין לופט;
גיסט זיך דורך טויזענדע שטראַהלענדע טענער,
קלינגט אונז, בעצווינגט אונז און רופט.

עפּעס־וואָס מעכטיגעס, אייביגעס רופט אונז,
הויך פון דעם הימעל־געצעלט —
אונז, די פּערנאַרישטע ברואים, פון אונזער
זעמדיגער, שטערבליכער וועלט.

שטיל איז אַרום די נאַטור און זי דרעמעלט
צערטליך אין שוים פון דער נאַכט.
דאָך, ווי זי האָט נור די שירה ערגריפען,
ריהרט זי זיך אויף און ערוואַכט.

צווישען די בוימער כאַפּט אויף זיך דאָס ווינטעל
ליעבליך פּער׳חלום׳ט און ווייך;
איבער די צווייגען געהט רוישענד א תפילה,
ציט׳ריג אַרויף אין דער הויך.

צווישען דער תפילה כאַפּט אויף זיך דער פויגעל
ס׳פלאַטערט זיין קליינינקער גוף;
אויפגערעגט שיקט ער דורך טרעלען אַן אָבקלאַנג,
פריי צו די הימלען אַרויף.

צווישען די טרעלען כאַפּט אויף זיך דאָס גרעזעל,
זאַנפט אין די אָרעמס פון שטראַהל;
ריחות פון בשמים אַ גאַנצער גן־עדן
שפּאַרט זיך און שלאָגט, ווי אַ קוואַל.

ריחות פון בשמים און טרעלען און תפילות
טייכענווייז שטראָמען אין לופט,
שטראָמען און שפּאַרען צום דיכטער אין פענסטער —
ס׳וועקט איהם און ציהט איהם און רופט.

צווישען די מענשען כאַפּט אויף זיך דער דיכטער,
וואַנדעלט אין מיטען דער נאַכט,
וואַנדעלט און שווימט אין די ריחות און טרעלען,
ברייט מיט זיין גייסט אויפגעמאַכט.

זילבערנע שטראהלען בעפאלען די שאטענס,
צ יהען זיי איבער מיט שיין;
זילבערנע רוימען בעפאלען דעם דיכטער,
קלינגען און שלינגען איהם איין.

רוימען און ריחות און שטראהלען און טרעלען
אונטער דעם דיכטערשען בליק
גיסען זיך אלע פאנטאסטיש צוזאמען,
בלאהליך אין הימעל־מוזיק.

לבנה און שטערען, די ערד און די הימלען,
אלץ ביז דעם מינדעסטען שטויב —
גיסט זיך צוזאמען אין הארצען ביים דיכטער,
געטליך אין שירה און לויב.

דענסטמאל אומארמען זיך נשמה און גאטהייט,
פריי איבער'ן ערדישען שטאף;
היים ווערט צוגאנגען דאס הארץ אין די טרערען,
טרערען פון ליעבע אהן סוף.

ליעבע צו אלץ, וואס דורכ'ן שטח פון וועלט־אל
אין דער נאטור איז צושפרייט;
ליעבע צו אלץ, וואס האט אטהעם און לעבען,
ליעבע צו אלץ, וואס איז טויט...

א בעמערקונג צום געדיכט.

דאס איז איינע פון מיינע ערשטע עטליכע געדיכטע, וואס גענאסע קאהאן האט אבגעדרוקט אין „ארבייטער צייטונג“, ווען איך בין נאך געווען אין רוסלאנד. דאס איז געוועז מיט א יאהר פופצעהן צוריק, און דאס איז געווען צום ערשטען מאל וואס מיינע א געדיכט איז ערשיענען אין א צייטשריפט. גענאסע קאהאן האט עס מיר אויך געגעבען אונטער די אויגען מיין ליטעראַרישען נאמען „ליעסין“ (מיין אמת'ער נאמען איז וואלט). און גענאסע קאהאן האט עס אויך אבגעדרוקט מיינע ערשטע צייל ען אין פראזא אלס עדיטאריע־

לען נאָטיץ אין „פאָרווערטס“. דאָס איז געווען מיט דרייצעהן און א האלב יאָהר צוריק, ווען איך בין געקומען אין אַמעריקא, און זייט דאַן בין איך געוואָרען א שטענדיגער מיטארבייטער פון „פאָרווערטס“.

עס איז אונאנגענעהם ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט מיט אזא פערזענליכען ענין. איך בעטראכט אָבער פאר מיין פליכט צו דערצעהלען עס פאר'ן לעזע־פובליקום איצט, ווען מען פייערט דעם יובילעאום פון גענאָסע קאהאן אלס איינעם פון די פאטערס פון דער אידישער סאָציאליסטישער פרעסע — צו דערצעהלען עס גראָדע אין דעם זאמעלבוך, וואָס זיינע פריינד גיבען ארויס צו זיין עהרע.

איך שיק צו גענאָסע קאהאן מיין הערצליכע בעגריסונג און מיין בעסטען וואונש.

א. ליעסין.

דאס ערשטע קאפּיטעל פון קאהאן׳ס לעבען.

אב קאהאן אלס גוטער אינגעל.

פון שאול באדאנעס.


אב. קאהאן מיט 27 יאהר צוריק.

אב. קאהאן איז גע־בארען געווארען שבעה ־ עשר בתמוז, 1860 יאהר, אין פּאד־ברעזע, ווילנער גובער־ניע. זיין זיידע פון פאָ־טער׳ס צד איז געוועזן א רב אין דיעזער שטעדטעל און דער־נאך האט ער דארטען פערנומען די שטעלע פון שטאדט ־ מגיד. שפּעטער האט ער זיך בעזעצט אלס שטאדט־מגיד אין ווידז, א גרע־סערע שטאדט פון פּאדברעזע. אויך איז ער פיעל ארומגעפאה־רען אלס מגיד און אלס בעל־דרשן איבער ליטא, און זיינע דרשות זיי־נען געוועזן זעהר פּאפּו־לער. ער איז געוועזן א גוטער בעל לשון־קודש, וואס אין יענער צייט, צוליעב דאס אויס־שליסליכע גמרא־לערנען, איז געוועזן א זעלטענהייט, אז א רב זאל

גוט שרייבען העברעאיש. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער גוט גע־קענט דקדוק און האָט געשריעבען מיט א שעהנער שפּראַך. ער האָט אָנגעשריעבען אַ פּירוש אויף אייניגע ספרים פון תנ"ך און דער כתב־יד פון דיעזען פּירוש געפינט זיך צווישען די רעליקוויען פון דער פאַמיליע און איז פערבונדען מיט קאַהאַן'ס ערשטע זכרונות. קאַהאַן'ס א פעטער פון פאָטער'ס צד איז געווען א דין. אייניגע פון זיינע קאָזינס זיינען געווען רבנים אין פערשיעדענע שטעדט.

די משפחה פון דער מוטער'ס צד האָט זיך ניט אויסגעצייכענט אזוי מיט תורה, נאָר דיעזע קרובים זיינען געווען מעהר פערמעגליכע לייט. אייניגע קרובים פון דער מוטער'ס צד זיינען געווען פון די אָנגעזעהענסטע סוחרים אין ווילנא. קאַהאַן'ס פאָטער איז אַלע מאָל געווען אַן אָרעמאַן. א געוויסע צייט איז ער געווען א קרעמערל אין פּאָדבערעזע און שפּעטער איז ער געוואָרען א מלמד. ווען קאַהאַן איז געבאָרען געוואָרען האָט זיין פאָטער געלעבט פון מלמדות. בעת קאַהאַן איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר, האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע אַריבערגעקליבען אין ווילנא. דאָ האָבען די קרובים פון דער מוטער'ס צד זיך געסטאַרעט צו מאַכען פון פאָטער א שטיקעל סוחר. אָבער דאָס לעבען איז געווען זעהר שווער. ער האָט געהאַט זעהר ווייניג פעהיגקייטען צו מסחר, און כמעט די גאַנצע צייט פלעגט ער פער־ברענגען אין בית המדרש. ער איז געווען ביז'ן העכסטען גראַד גאָר א גוטער מענש מיט א הייסען, התלהבות'דיגען טעמפּעראַמענט. ער איז געווען א טרוימער, פול מיט ענטהוזיאַזם פאַר עטוואָס העבערעס, און א ליידענשאַפטליכער ליעבהאָבער פון מוזיק. ער פלעגט אַלע מאָל צאָהלען פיעל מעהר איידער ער האָט געקענט פאַר א גוטער שטאָדט אין שוהל, כדי צו הערען דעם חזן, וועלכער איז געווען א בעריהמטער טענאָר. די מוטער איז געווען מעהר פּראַקטיש; זי איז געווען בעגאַבט מיט א שטאַרקערען ווילען און האָט בעסער פערשטאַנען די מענשליכע נאַטור.

קאַהאַן'ען האָט מען זעהר פריה אָבגעגעבען אין חדר. ווען ער איז אַלט געווען זיעבען און א האַלב יאָהר האָט ער אָנגעהויבען לערנען גמרא. מיט צוויי יאָהר שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין ישיבה, אין רימאַילע'ס קלויז, וואו צווישען 50 תלמידים האָט ער זיך געדעכענט אַלס איינער פון די „שאַרפסטע" אינגלעך אין לערנען גמרא. באַלד האָט קאַהאַן אַרויסגעוויזען א שטרעבונג צו אַנדערע

למודים אויסער גמרא. ער האט אנגעהויבען אין געהיים בעזוכען א גוי'שע שולע, די „נאראדנאיע אוטשילישטשע", וואו מען פלעגט לערנען צווישען 2 און 4 בייטאג. די למודים אין דער ישיבה פלעגען פארקומען נור ביז מיטאג, און נאך מיטאג האבען די ישיבה־בחורים געדארפט אליין חזר'ן, און אויף אזא אופן איז פאר קאהאן'ען געווען מעגליך צו גנב'ענען א פאר שעה נאך מיטאג.

אזוי ווי די פאמיליע איז געווען זעהר ארעם, האט זיין מוטער געפאדערט ער זאל זיך לערנען א מלאכה. „דו האסט דאך פאר דיר דיין שפיגעל", פלעגען איהם אפט זאגען זיינע פעטערס און מוהמעס, מיינענדיג דערמיט זיין פאטער, וועלכער איז געווען אונ־פעהיג צו מאכען א לעבען. „דו ווער בעסער א בעל מלאכה און פערדיען אליין אויף דיין לעבען". זיין פאטער, וועלכער האט גע־דורשט נאך א גייסטיגען און אינטעלעקטועלען לעבען, האט זיך שרעקליך געערגערט פון געדאנק, אז מען רייסט אב זיין זוהן פון די ביכער, אבער קיין אנדער ברירה איז ניט געווען, און אזוי האט מען אויסגעקליבען פאר'ן אינגעל א „בכבוד'יגע" מלאכה, וועלכע פאסט פאר א קינד פון א מיוחס'דיגע פאמיליע. איהם איז פערבליבען אויסצוקלייבען צווישען א זייגער־מאכער און א שניצער, און קאהאן האט אויסגעקליבען דאס לעצטע. נאר דער בעל־הבית, צו וועלכען קאהאן איז אנגעקומען, איז געווען זעהר א גראבער יונג מיט א שמוציגער שפראך פון נבול־פה, אזוי, אז דאס קינד איז געקומען אהיים א וויינענדיגער און האט ערקלערט, אז מעהר וועט ער אהין ניט געהן. עס איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען מוטער און זוהן, נאר אזוי ווי דער פאטער האט געהאלטען מיט'ן זוהן, האט קאהאן אויסגעפיהרט. ער איז אוועק צוריק אין דער ישיבה, נאר ער איז שוין ניט פערבליבען א לאנגע צייט מיט דער גמרא. אין איין הייסען זומער־טאג איז ער אנטלאפען צו איינינע חברים־אינגלעך, וועלכע האבען זיך געלערענט און פערפערטיגט אנצוקומען אין גימנאזיע. וויסענדיג גוט אריפמעטיק און די רוסישע גראמאטיק, האט ער בעשלאסען צו געהן מיט דעם זעלבען וועג. ער איז ניט געקומען אהיים עטליכע טעג, און דאן איז ער געקומען אהיים מיט דער מעלדונג, אז ער האט בעשלאסען „לערנען זיך", וואס דאס האט געהייסען — אבגעבען זיך נור מיט גוי'אישע למודים. ער האט ערוואַרט א שטארקען ווידערשטאנד פון פאטער, נאר צום גרויס בעוואונדערונג איז פאר קאהאן'ס פרומען פאטער געווען ליעבער,

אז זיין זוהן זאָל זיך בעסער אָבגעבען מיט גוי'אישע למודים, איידער זיין ווייט פון וועלכען ניט איז גייסטיגען לעבען בכלל.

אין דיעזען פעריאָד פון זיין לעבען בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט אב. קאהאן. ער פלעגט קומען בעזוכען זיינע אַלטע חברים פון דער ישיבה און מיר זיינען בעקאַנט געוואָרען ביי איינעם פון זיינע וויזיטען. ער איז דעמאָלט געווען א בחור'ל פון 15 יאָהר מיט א ברענענדען דורשט נאָך וויסענשאַפט און מיט א היציגען פערלאַנג איבערצוגעבען און ערקלערען פאַר די ישיבה־בחורים דאָס, וואָס ער האָט שטודירט. ער האָט ליעב געהאַט צו ערקלערען מאַטהעמאַטישע פּראָבלעמען, און בעזונדערס פלעגט ער מיט גרויס חשק אויפוויזען די יונגע לייט, און מיר צווישען זיי, אַז לויט דער וויסענשאַפט פון אסטראָנאָמיע און געאָלאָגיע עקזיסטירט שוין די וועלט פיעל מעהר איידער 6000 יאָהר. מיט גרויס ערפאָלג האָט ער פיעל יונגע בחורים געמאַכט פאַר אפּיקורסים.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער איז קאהאַן דורכגעגאַנגען דעם עקזאַמען אין לעהר־אינסטיטוט אין ווילנא. דיעזער אינסטיטוט עקזיסטירט נאָך איצט אויך. דער אינסטיטוט איז א רעגיערונגס־שוהלע. די שילער בעקומען דאָרטען עסען און וואוינונג און דער קורס פון למודים איז 4 יאָהר. ביים אַריינגעהן אין אינסטיטוט, שרייבען אונטער די שילער א קאָנטראַקט מיט דער רעגיערונג, אַז נאָך'ן ענדיגען וועלען זיי אַריינטרעטען אין די אידישע רעגיערונגס־שוהלען אַלס לעהרער אויף א צייט ניט ווייניגער פון 8 יאָהר. פאַר די 4 יאָהר צייט, וואָס קאהאַן איז געווען אין לעהרער אינסטיטוט, האָט ער אַרויסגעוויזען בעזונדערע פעהיגקייט נור אין מאַטהעמאַטיק און פערפאַסונג (קאָמפּאָזישאָן). אין אַלע אַנדערע זאַכען, וועלכע פאָדערען טרוקענע און ניט אינטערעסאַנטע ארבייט, איז ער געווען שוואַך און פויל, נאָר פאַר די 4 יאָהר צייט האָט ער זעהר פיעל געלעזען. זייענדיג שוין אויפ'ן דריטען קורס פון אינסטיטוט, האָט זיך איהם פערוואָלט אָנצוקומען אין גימנאַזיע, כדי צו האָבען שפּעטער די מעגליכקייט אַריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט. מיט דיעזען צוועק האָט ער זיך גענומען לערנען די גריכישע און לאַטיינישע שפּראַכען. איינינע פון זיינע פריינד, שילער פון דער אָרטיגער גימ־נאַזיע, האָבען איהם געהאָלפען, נאָר זיין שטרעבען אין דיעזער ריכטונג האָט געדויערט נור איין יאָהר. זיין גאַנצע סימפּאַטיע און אינטערעס איז באַלד אַוועקגעגעבען געוואָרען דער רוסישער רעוואָ־

לוציאָנערער בעוועגונג. אין דיעזער צייט האָב איך דאָס געהאַט דעם פערגעניגען איבערצוגעבען קאהאן'ען דאָס ערשטע שטיק פון אונלעגאַלע ליטעראטור. דאָס איז געווען נעקראסאָוו'ס פּאָעמא, אָדער ריכטיגער געזאָגט, א טהייל פון דער בעוואוסטער פּאָעמא „ווער לעבט גוט אין רוסלאַנד", וואָס איז געווען פערבאָטען פון דער צענזור. איך האָב אויך געהאַט דאָס פערגעניגען צו געבען קאהאן'ען אנדערע זאכען פון רעוואָלוציאָנערער ליטעראטור, ווי אייניגע קאַפּיטעלן פון „נאראָדנאיא וואָליא" און „טשאָרני פערעדיעל". דאָס לעזען דיעזע זאכען האָט אויף קאהאן'ען געמאַכט אזא געוואַל־דיגע ווירקונג, אז וואָכען־ווייז איז ער ארומגעגאנגען ווי א שכור'ער, פיהלענדיג, אז ער האָט זיך אומגעקעהרט צו א נייער העכערער אמונה, וועלכער ער דאַרף דיענען און אָבגעבען איהר דאָס גאַנצע לעבען. באַלד נאָך דעם האָט מען קאהאן'ען אריינגענומען אין דעם אָרטיגען קרייז פון סטודענטען, וועלכער האָט געהאַט דעם ציעל צו שטודירען די אידעע פון סאָציאַלע רעפאָרמען און פערשפּרייטען דיעזע אידעען צווישען די סטודענטען פון ווילנא.

באַלד האָט קאהאן געענדיגט דעם לעהר־אינסטיטוט און איז בעשטימט געוואָרען אַלס לעהרער אין א שוהלע אין וועליזש, וויטעבסקער גובערניע. עס איז פאַר מיר איבעריג צו זאָגען, אז קאהאן'ען האָט מען בעשטימט אין א שוהלע, וואָס איז געווען אויס־שליסליך פאַר אידען, ווייל די רוסישע רעגיערונג האַלט בעזונדערע שוהלען פאַר אידישע און ניט־אידישע קינדער. איך האָב נאָך ביי זיך דעם בילד פון קאהאן'ס געזעגענען זיך מיט זיינע ווילנער פריינד, אָבפאָהרענדיג אין וועליזש. קאהאן האָט בעטראַכט זיין נייע ארבייט אַלס לעהרער ווי א הייליגע ארבייט פאַר זיין פאָלק. אין דער שטונדע פון זיין אָבפאָהרען האָט ער פייערליך פערשפּראָכען זיינע פריינד, אז ער וועט זיין ניט קיין איינפאַכער לעהרער פון די דריי ר'ס, נאָר אז ער וועט זיין אַן אמת'ער אָנפיהרער און פאָלקס־לעהרער. מיט דיעזען צוועק האָט ער גענומען מיט זיך עטליכע קאַסטענס מיט זיינע בעסטע ביכער, כדי צו גרינדען דאָרטען א פרייע ביבליאָטהעק.

אין וועליזש האָט קאהאן אָרגאניזירט א קרייז, וועלכער האָט זיך געשטעלט דעם ציעל צו בעקומען און פערשפּרייטען אונלעגאַלע ליטעראטור צווישען יונגע מענער און פרויען. אויף זיין שטעלע אַלס לעהרער איז קאהאן פערבליבען נור א האַלב יאָהר. באַלד איז ער געווען געצוואונגען צו אנטלויפען פון רוסלאַנד. די פּאַסירונגען,

וואָס זיינען געווען פערבונדען מיט זיין אַנטלויפען פון רוסלאַנד, זיינען פאָלגענדע. ענדע ווינטער 1882 יאָהר זיינען פאָרגעקומען אין ווילנא אַ רייהע אַרעסטען פון יונגע מענער און פרויען. כמעט אַלע מיטגליעדער פון אָרטיגען קרייז האָט מען אַרעסטירט. צווישען די אַרעסטירטע איז געווען אַ יונגער לעהרער, קאַהאַן'ס אַ חבר פון אינסטיטוט, און ביי איהם האָט מען געפונען קאַהאַן'ס אַ בריעף. דאָס האָט געפיהרט צו אַן „אָביסק" (אונטערזוכונג) אין קאַהאַן'ס הויז, און דאָרטען האָט מען געפונען דזשאָן סטואַרט מילל'ס „פאָליטישע עקאָנאָמיע" מיט טשערנישעווסקי'ס בעמערקונגען. אַז אַ לעהרער פון אַ פאָלקס־שוהלע זאָל האָבען אַ בוך וועגען פאָליטישע עקאָנאָמיע — דאָס איז געווען אַ גענוגענדער בעוויז פאַר דער רוסישער פאָליציי, אַז זיינע אינטערעסען און סימפּאַטהיע זיינען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. דער זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק האָט געשטעלט קאַהאַן'ען אונטער דער אויפזיכט פון פאָליציי, און מען האָט איהם געגעבען צו וויסען ער זאָל זיך אָבטראָגען פון שטאָדט, ווייל „מען לאָזט איהם פון אויג ניט." קאַהאַן האָט זעהר גוט געוואוסט ווי אונ'ברחמנות'דיג די רעגיערונג בענעהמט זיך מיט יונגע לעהרער, וועלכע זיינען פערדיכטיגט אין סימפּאַטהיע צו דער בעוועגונג צו רעפאָרמירען די רוסישע רעגיערונג. ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט איהם באַלד אַרעסטירען, פערשליסען אין „אָדינאָטשקע" (אָבגעזונדערטען קעמערעל), מען וועט איהם דאָרט אָבהאַלטען ביי אַ יאָהר צייט און דערנאָך פערשיקען אין סיביר. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו פערלאָזען גלייך רוסלאַנד.

זיין אַנטלויפען איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן. צוויי מענשען, וועלכע זיינע פריינד האָבען געדונגען, האָבען איהם גענומען אין אַ רודער־שיפעל אין וויטעבסק. פון וועליזש ביז וויטעבסק איז אַ מהלך פון 100 וויאָרסט. איינער פון די מענשען, וועלכע מען האָט געדונגען צו טרייבען דעם שיפעל, איז אַרויס פון שיף צו נעהמען אַ טרונק בראַנפען. דעם שיפעל האָט מען צוגעטריבען צום ברעג און דער שיפער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיין צוריק אין 5 מינוט אַרום. נאָר ער האָט זיך אומגעקעהרט אין 4 שטונדען אַרום, און איז געווען אַזוי שכור, אַז קוים וואָס ער האָט זיך געקענט האַלטען אויף די פיס. קאַהאַן האָט אויסגערעכענט, אַז אויב ער וועט קומען אין וויטעבסק זעקס אַ זייגער אין דער פריה, וועט ער קענען זיך אַזוי אויפפּאַסען מיט די צוגען (טריינס), אַז ער וועט קענען קומען אין

ווארשא אין 24 שטונדען ארום. אין דער זעלבינער צייט האט מען אין וועליזש אלץ אראנזשירט אזוי, כדי אויסצונארען די זשאנדאר־מען און די פאליציי, ארויספיהרענדיג זיי אויף א פאלשען וועג, און אויף אזא אופן געבען קאהאן'ען א מעגליכקייט צו קומען אין ווארשא פריהער איידער טעלעגראמען וועלען ארויסגעשיקט ווערען אין אלע ריכטונגען. אין ווארשא האט קאהאן געהאט פריינד, וועלכע האבען געדארפט העלפען איהם פארטצוזעצען זיין וועג דורך דעם רוסישען גרענעץ. נאר די 4 שטונדען, וועלכע ער האט אנגעווארען א דאנק דעם, וואס דער שיפער האט זיך צוהוליעט, האט געמאכט א תל פון זיין גאנצען פלאן. קאהאן איז געקומען אין וויטעבסק 2 א זייגער. פאהרען איצט אין ווארשא איז געווען זעהר ניט זיכער. אנ־שטאט ווארשא איז ער מיט'ן פוהר און מיט'ן שיף געקומען אין מאהילעוו אויפ'ן דניעפער. דא איז ער פערבליבען גאנצע 3 וואכען, ווארטענדיג ביז דער שטורעם וועט אריבער. זיצענדיג אין מאהילעוו. האט ער זיך אביסעל בעקאנט מיט דער עמיגראציאנס־בעוועגונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין יענער צייט. דאס איז געווען באלד נאך די פאגראמען אין יעליסאוועטגראד, קיעוו, באלטא און אנדערע שטעדט. ער האט געהערט וועגען רוסישע סטודענטען, וואס פאהרען אין אמעריקא צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט און גרינדען קאלאניעס, און ער האט בעשלאסען צוצושטעהן צו די רעוואלוציא־נערע עמיגראנטען, וועלכע, ווי מען האט דערצעהלט, האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין בראד.

זיצענדיג אין מאהילעוו, האט קאהאן בעקומען א פאלשען פאספארט אונטער דעם נאמען קרוגליאנסקי. ער איז דעמאלט געווען קרום־אויגיג (קאסאקע), וואס דאס האט מען שפעטער דער־ווייטערט דורך אן אפעראציאן אין ניו יארק, און אויף אזא אופן איז געווען לייכט פאר די זשאנדארמען, וועלכע האבען בעקומען זיינע סמנים צו דערקענען איהם. פון מאהילעוו איז קאהאן געפאה־רען מיט'ן דאמפף־שיף אין קיעוו. ווען די שיף איז געקומען אין ראגאטשאוו, האט מען בעפוילען יעדען פאסאזשיר אראבצוגעהן אויפ'ן ברעג, כדי איבערצוקוקען זייערע פאספארטען און זעהן זייערע פנים'ער. די ארטיגע זשאנדארמעריע האט בעקומען א טעלעגראם מיט די סמנים פון אייניגע רעוואלוציאנערען (ווער זיינען געווען די מענשען, וועלכע זיי האבען געזוכט, האט מען ניט געקענט דערגעהן). די זשאנדארמען האבען איבערגעקוקט יעדען מאן, וואס

איז אַראָב פון שיף. קאַהאַן האָט זיך הויפּטזעכליך בעאונרוהיגט וועגען זיינע אויגען. איין מאָמענט זיינען אַלע זשאַנדאַרמען געווען פערנומען, בעטראַכטענדיג אַ פּאַק מיט פּאַספּאָרטען. קאַהאַן, בעמערקענדיג דיעזען צופאַל, האָט זיך דורכגעשטופּט דורכ׳ן עולם. מען האָט איהם באַלד בעמערקט, און מען האָט געשיקט נאָך איהם אין אכסניא אַ זשאַנדאַרם. קאַהאַן האָט זיך געמאַכט, אַז ער בינדט פונאַנדער אַ פּעקעל, כדי צו האָבען אַן אויסרייד פאַר וואָס ער קוקט אַרונטער, פערדעקענדיג אויף אַזאַ אופן זיינע אויגען. די זשאַנדאַרמען האָבען געפאָדערט קאַהאַן׳ס פּאַספּאָרט, וועלכען מען האָט זיי גלייך געגעבען. דער זשאַנדאַרם האָט זיך געמאַכט אַז ער לייענט כלומרשט איהם, האָט געשטעלט קאַהאַן׳ען אַ פּאָר פראַגען און איז אַוועק. באַלד איז קאַהאַן געקומען אין בראָד און פון דאָרטען אין ניו יאָרק. דאָ קענען מיר איבערלאָזען פאַר זיינע נייע פריינד די פאָרטזעצונג פון זיין לעבענס-בעשרייבונג.

מיין ערשטע בעגעגעניש מיט אב. קאהאן.

פון דר. ראַיעווסקי.

איך בין שוין געוואָרען א הייסער פּאַלעסטינעץ, עס איז געווען נאָך דער צווייטער סעריע פּאָגראָמען אין 1882, האָט זיך דאַן דער רוסישער פּאָליציי פערגלוסט ביי מיר זוכען אַלטע חטאים; מיין פּאַלעסטינישע בעגייסטערונג האָט מיר ניט ערלויבט פערלירען אויף דעם צייט, און איך האָב דאַרום אין א פיינעם טאָג געלאָזט אָבשערען מיינע ניהיליסטישע פּאָטלעס, מאַכען א שעהנע פּאַר־פּאָלקו מיט א טשוב אַלא קאַפּול, טאַקע ווי ביי אַן אמת׳ן דאַמסקע פּאָרטנאָי, אָראָבגעוואָרפען מיין טעכניצעסקע בלוזע און אָנגעטהאָן א שעהנעם אייראָפּעאישען רעקעל, אויסגעטהאָן די באָטפאָרטען און אריין אין א פּאָר וואַרשעווער שטיבלעטען, אָנגעטשעפּעט א וויסע מאַנישקע מיט א שעהן פערשלייפטען האַלזטוך, אָנגעטהאָן מאַנזשעטען, סלאָוואָם, געוואָרען א פראַנט. ביינאַכט האָב איך געמאַכט צו־פוס עטליכע וויאָרסט ביז צו אַן אנדער סטאַנציע, וואו מען קען מיך ניט, גענומען א טיקעט אויף דעם אייזענבאַהן, צוזע־גענט זיך קאַלטבלוטיג מיט מיינע בעגלייטער, מיינע צוויי ברידער, אריין אין וואַגאָן, „אי ביל טאָקאָוו“, אויף אידיש הייסט עס — געמאַכט א „ויברח“.

עס איז געווען א פרייטאָג־צו־נאַכט, די גאַנצע נאַכט און דעם נעכסטען טאָג האָב איך פערבראַכט גאַנץ רוהיג. די וואַגאָנען זיינען געווען כמעט פוסט, קיין בעקאַנטע מענשען האָב איך ניט אָנגע־טראָפען, אונבעקוועם איז מיר אָבער געוואָרען שבת־צו־נאַכט, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אין די וואַגאָנען אידען, און ווי ביי אידען פיהרט זיך, פרעגט מען דאָך באַלד וואוהין מען פאָהרט, וועגען וואָס, צו ועמען א. ז. וו. היינט געה קלאָהר אויס ליגען. מען קען דאָך נאָך גאָר אריינפאַלען. ווייטער ניט ענטפערען, איז דאָך אויך שלעכט — מען וועט דיר אָננעהמען פאַר א בעל־גאוה׳ניק, מען קען נאָך דערקענען אין די רייד, אז עפּעס דיין פאָהרען

איז ניט קיין גלאַטער. אום צו פערמיידען עס האָב איך זיך געמאַכט שלעפעריג, און איך בין אַזוי כלומרשט געשלאָפען ביז שפּעט אין דער פריה. די אידען האָבען אָבער ניט גערוהט, מען האָט מיך אויפ־געוועקט: „שטעהט אויף, עס איז שוין צייט צו דאַוונען, איהר וועט דאָך פערשפּעטיגען שחרית!" איך וואָלט שוין אפילו אויפגע־שטאַנען און געדאַוועגט, בין איך ניט זיכער געווען צי איך וועל קענען מאַכען ריכטיג די שין'ען מיט די יוד'ען פון די רציעות, און מען קען זיך נאָך כאַפּען, אז איך בין ניט קיין כשר'ער איד. אַלזאָ, מען וועקט מיך, מען שטורכעט מיך, און איך האַלט אין איין כראָפּען.

אויף מיין גליק זיינען מיר אָנגעקומען אין בערדיטשעוו, און דאָ איז מיט אַ גרויסען געפּילדער אריין אַ גרויסע מחנה יונגע לייט, און אַלע האָבען אָנגעפאַנגען אויף זיי צו קוקען און גאָר פערגעסען אין מיר. איך האָב זיך באַלד דערוואוסט, אז דאָס פאָהרען „שטור־דענטען" אין אַמעריקאַ. איך האָב זיך באַלד אַ טראַכט געטהאָן, אז דורך זיי קען מען מסתמא געפינען בעקאַנטשאַפט, ווי אַזוי אריבער־צוגעהן דעם גרענעץ, און איך וועל זיך אויך ארויסדרעהען פון דעם דאַוונען.

די בערדיטשעווער האָבען זיך אויסגעזעצט מייסטענס אין דעם צווייטען וואַגאָן, און אין אַ קורצע צייט בין איך אריבער צו זיי אין וואַגאָן, אָנגעהויבען צו בעטראַכטען די פּנים'ער מיט וועמען צו פערפיהרען אַ רייד און אויסגעפינען, צי זיי האָבען עפּעס אראָנ־זשירט ווי אַזוי אריבערצופאָהרען דעם גרענעץ. קוקענדיג ארום, האָב איך צווישען אַנדערע בעמערקט אַ בלייכען יונגענמאַנטשיק. ער איז מיר אַביסעל ניט געפעלען געוואָרען. געטראָגען האָט ער אַ לאַנגען אויבער־ראָק, וועלכער האָט אויסגעזעהן אי ווי אַן אויבער־ראָק, אי עפּעס ווי אַ לאַנגע קאָפּאָטע. איך זעה ער שאַרט זיך אויך צו די „שטודענטען", און דאָך איז ער ניט זייערער, ער רעדט מיט קיינעם ניט, ער קוקט און הערט זיך צו. אַ בערדעל יאַקבי האָט ער, און דאָך ניט קיין בערדעל: 5 לאַנגע האָר, וועלכע האָבען זיך צוזאַ־מענגעקאַלטעוועט ווי פינף באַראַדאַווקעס, און ער האַלט זיי אין איין טשופּען. זיינע ליפּען זיינען גאַנץ דין און בעוועגען זיך צייטענ־ווייז נערוועז, זיין גאַנצער אויסזעהן איז פון אַן אויפגערעגטען, וואָס האַלט זיך איין. אַט זעהט ער מיר אויס ווי אַן אָרעם־בחור וואָס קומט צו אונז אין מאַלאָראָסיע צו ווערען אַ מלמד, און אַט איז ער

דאך ניט דאס, — פון זיין צוהערען זיך, פון זיין געזיכט, זעה איך אז ער מוז פערשטעהן רוסיש, און אויך אביסעל די הויכע ווערטער, וועלכע האבען זיך דורכגעווארפען מאנכעסמאל אין די רייד פון די בערדיטשעווער „שטודענטען". איך מוז געשטעהן, ער איז מיר געווארען פערדעכטיג: פיליכט גאר א אידישער מסור. עס איז געוועז אמת ווי מען זאגט אין רוסיש, „או סטראכא גלאזא וועליקי", אין פורכט קען אמאל א מילב זיך אויסווייזען אזוי גרויס ווי אן עלעפאנט. איך האב אנגעפאנגען צו זוכען ווי אזוי אויסצומיידען דעם בלייכען ארעם־בחור. אין צווישען האב איך אויך בעמערקט איינעם פון די „שטודענטען", א מאן פון עטליכע און־דרייסיג. ביי מיר האט עס שוין געהייסען דאמאלסט באלד א זקן. דער מאן האט געהאט אן אינטעליגענטען אויסזעהן און א גאנץ סימפאטישעם געזיכט. מיט איהם האב איך בעשלאסען צו פערפיהרען א געשפרעך. איך בין זיך צוריק אוועק אין מיין וואגאן, געזאגט מיינע אידישע שכנים אז איך האב שוין אבגעדאווענט אין דעם אנדערען וואגאן, איבערגעביסען, געמאכט ברכה איבער דאס ביסעל משקה, מיט וועלכע מיינע שכנים האבען מיר טראקטירט, זיך צוגעהערט צו זייערע מעשיות און געגומען ווידער איינשלאפען און כראפען, אום ניט צו ריידען. עס איז אריבער א שטונדע, איך קוק זיך ארום אין וואגאן — דער בלייכער יונגער־מאנטשיק איז ניטא. ער איז אלזא אין אן אנדער וואגאן, מיר הייסט עס קוקט ער ניט נאך, אדער אפשר איז ער גאר אראבגעגאנגען ערגעץ אויף א סטאנציע. איך געה דארום אין צווייטען וואגאן זעהן זיך מיט יענעם בערדיטשעווער און טרייען אויסצוגעפינען, צי מען קען ניט מיט זיי אריבער דעם גרענעץ. ווי ערשטוינט בין איך אבער געווארען, אז ווי איך האב נאר געעפענט די טהיר האב איך גלייך בעמערקט, אז מיין בלייכער ארעם־בחור זיצט גראד מיט יענעם מאן צוזאמען, און ווי עס זעהט אויס פיהרען זיי א גאנץ אינטערעסאנטען געשפרעך. איך האב זיך ווידער ארויסגערוקט אונבעמערקט, און אין א קורצע צייט בין איך צוריק אריין און האב שוין געטראפען דעם בערדיטשעווער אליין. איך האב זיך גלייך צו איהם צוגעזעצט, זיך פונאנדערגערעדט וועגען פערשיעדענע ענינים און אריבער צו דער הויפט־טהעמא, ווי אזוי זיך אריבערצו'גנב'ענען דעם גרענעץ. ער דערצעהלט מיר זייער פלאן, ער געפעלט מיר אבער ניט, ער איז גוט פאר אזעלכע וואס האבען לכל הפחות אירגענד וועלכען פאספארט, אדער פאר אזעלכע

וואָס האָבען ניט די זעלבע אורזאכען ווי איך צו פערלאָזען רוס־לאנד. איך דערצעהל איהם וועגען דעם געווים ניט, איך זאָג איהם אָבער מיין פּלאַן און פרעג זיין מיינונג. ער דענקט אַז עס איז ניט קיין שלעכטער, אָבער צו אַ לאַנגזאמער און אַ שווערע נסיעה. ער דערצעהלט מיר אַז דאָ איז דאָ נאָך אַ יונגער מאַן, וואָס דענקט צו פאָהרען גראַדע אויף אַזאַ אופן ווי איך, און ציינט מיר אָן אָט טאַקע אויף דעם בלייכען יונגען־מאַנטשיק, אויף וועלכען איך האָב אַ שווערען פערדאַכט. איך פרעג איהם וואָס פאַר אַן איינדרוק ער האָט אויף איהם געמאַכט מיט זיין געשפּרעך, זאָגט ער מיר, זעהר אַ גוטען. ער ראָטה מיך פאָהרען מיט איהם צוזאַמען און וויל מיך שוין בעקענען מיט איהם. איך האָב מיך פון דער בעקאַנטשאַפט פאַרלויפיג אָבגעזאָגט, ביז עס וועט קומען צו יענער סטאַנציע, אויף וועלכער איך און דער יונגער מאַן דענקען אָבצושטייגען.

איך בין אַוועק צו זיך אין וואַגאָן. עס איז שוין געווען בלויז איינינע סטאַנציעס פון גרענעץ, אין וואַגאָן האָבען זיך גענומען בעוויזען „פּעקעל־מאַכער" און פאַרשלאָגען זייערע דיענסטע. אַן אַלטער איד, אַ שכן מיינער פון וואַגאָן, האָט מיר איינגעמורמעלט בסוד אויף איינעם פון די „פּעקעל־מאַכער", אַז מען קען זיך אויף איהם פערלאָזען. איך האָב געלייקענט אַז דעם אַלטען אידען, אַז דעם פּעקעל־מאַכער, אַז איך קלייב זיך גנב'ענען דעם גרענעץ. דאָך אַ ביסעל שפּעטער האָב איך זיך געלאָזט איבער די וואַגאָנען זוכען יענעם פּעקעל־מאַכער, און צו מיין ווייטערען ערשטוינען געפין איך גראַדע ווידער דעם בלייכען יונגען מאַן לעבען מיין פּעקעל־מאַכער. איך האָב זיך געמאַכט אַז איך וויל בלויז פערבייגעהן, דער פּעקעל־מאַכער האָט מיך אָבער אָבגעשטעלט און מיר אַ זאָג געטהאָן: „הערט יונגערמאַן, אויב איהר ווילט מיט מיר פאָהרען, טו זאָגט — מאַכט זיך ניט נאַריש, שפּעטער וועל איך פּיליכט קיין פּלאַץ ניט האָבען". איך האָב אָנגעהויבען ווידער צו טענה'ן אהין און אהער, דער בלייכער יונגער מאַן האָט מיר אַ שלעפּ געטהאָן אָן אַ זייט און אַ זאָג געטהאָן, אַז ער האָט וועגען דעם פּעקעל־מאַכער געהערט, אַז ער איז זעהר אַ צופערלעסיגער, און אַז ער פאָהרט אויך מיט איהם. די שטימע פון דעם בלייכען יונגען מאַן איז געווען זעהר אַן אַנגע־נעהמע, די האַלטונג אַ פריינדליכע, ער האָט ביי מיר צובראָכען אַלע פערדאַכטען געגען זיך, און איך האָב דאַן גלייך איינגעשטימט אַז מיר פאָהרען צוזאַמען.

אויף דער נעכסטער סטאנציע זיינען מיר און איינינע אנדערע פאסאזשירען ארויס, דער פעקעל־מאכער האט מיך מיט דעם בלייכען יונגען מאנטשיק, און נאך עפעס א באי, ארויפגעזעצט אויף א גרויסען וואגען און מיר זיינען אוועקגעפאהרען. עס איז געווען ארום דריי אוהר נאכמיטאג, און פאהרען האבען מיר געהאט זעהר א לאנגע שטרעקע, מיר האבען ערווארט אנצוקומען אויף יענער זייט גרענעץ נאך מיטען־נאכט אדער פארטאג.

דער וועג איז געלעגען מייסטען דורכ'ן וואלד. עס איז געווען א שעהנער נאכמיטאג, דער וועטער איז געווען א פראכטפאלער, עס איז אבער געווען צימליך קאלט, אבוואהל עס איז געווען אין ענדע אפריל. דער וועלדעל און די פעלדער זיינען זאנדערבאר שעהן, עס איז אבער ניט געווען יעצט די לוינע צו שעפען פערגעניגען פון דעם. וויכטיגערע זאכען האבען זיך געטאלפעט אין מוח. עס איז פארגע־שטאנען זיך אריבערצו'גנב'ענען דעם גרענעץ, ארויסצורייסען זיך ניט נאר פון רוסלאנד, נאר פיליייכט אויך פון א פיעל ערגערען פלאץ. וואס וועט פאסירען ביי־נאכט, וואס וועט זיין אויב מען וועט כאפען? זאל איך דאן ריזיקירען ווען מען וועט נאכלויפען און דאך אנטלויפען, אדער זיך אונטערגעבען און לאזען ארעסטירען? דאס זיינען געווען די פראגען וואס האבען זיך אימער געביטען אין קאפ. ווער זיינען מיינע מיטפאהרער, קען מען פון זיי ערווארטען הילפע, אדער קענען זיי בלויז דיענען אלס א באלאסט אין די שווערע מינוטען? ! און איך האב אנגעהויבען זיך גוט צוקוקען צו מיינע צוויי פארטנערס אין וואגען.

איינער איז שוין אפילו ניט גאר קיין אינגעל, ער איז ניט פיעל אינגער פון מיר, ער זעהט אבער אויס אזוי נאריש, אזוי קינדיש, איך האב מורא ער וועט געוויס זיין א שטערונג, אויב מען וועט דארפען לויפען. דער אנדערער — מיין בלייכער יונגער מאנ־טשיק, ער זיצט אויף פערטראכט, עס איז איהם אויך גאנץ קאלט־מוטנע אויפן הארצען, אבער יעדעס מאל בויגט ער זיך צו צו דעם באי, ער דעקט איהם איין עס זאל איהם ניט זיין קאלט, ער זארגט פאר זיין בעקוועמליכקייט, ער בעהאנדעלט איהם טאקע באלד ווי א מוטער א קינד. וואס זאל עס בעדייטען, איז ער טאקע אזא גוט־הערציגער, צי איז ער דעם באי'ס א בעדיענטער. ניין, דאכט זיך, אן עלטערער געטרייער און ליעבענדער חבר. ווען מען זאל קומען אין נויט היינט ביי־נאכט, וועט ער מיר אויך זיין אזוי געטריי, וועט

ער אלס עלטערער שטארקערער חבר אויך מיר בעהילפיג זיין! ווער איז ער? איז ער טאקע ווירקליך אן ארעם-בחור?! זיינע מאניערען זיינען דאך פארט גאנץ ציוויליזירטע. איך הויב איהם אן שארפער צו בעקוקען, מיר איז געווען גאנץ בעקוועם דאס צו טהון, ווייל ער איז שטענדיג פערנומען מיט דעם באי, און יענער פיהרט זיך טאקע אויף ווי א בייבי. וואס מעהר איך קוק זיך צו צו איהם אלץ מעהר ווילט זיך מיר, מיט איהם זיך פונאנדעררעדען. פיליכט איז ער גאר ניט דאס וואס ער צייגט צו זיין, פיליכט איז ער גלאט אזוי א גוטער מענש, אבוואהל א ליטוואק א צלם-קאפ. נאר אט האט זיך דעם באי פערוואלט עסען. דער בלייבער יונגער מאן נעהמט ארויס א פראנזאליע און גיט דעם באי. ער נעהמט ארויס אויך פוטער, עס איז אבער ניטא מיט וואס אנצושמירען.

— האט איהר פיליכט א לעפעל? — ווענדעט זיך צו מיר דער בלייכער יונגער מאן, — מיר האבען א מעסער, איז ער אבער א פליישיגער.

— אט איז מיין מעסערעל — זאג איך — ער איז א נייער, ער איז נאך א פארעווער, איך האב נאך איהם גאר ניט געברויכט, איהר קענט איהם מאכען מילכיג.

— איז ער א כשר'ער? זייט איהר זיכער? — פרעגט מיך ווידער דער בלייכער.

— געוויס, געוויס, — זאג איך און טראכט: ניין, טאקע פארט א בטלן אן ארעם-בחור, געווען מסתמא א מלמד פאר דעם אינגעל. דער אינגעל, בעשלים איך, האט זיך פערשטיפט און זיינע רייכע עלטערען שיקען דאס איהם אין אמעריקא אונטער די אויפזיכט פון דעם מלמד און פיליכט דעם אידישען פנקס-האלטער זייערען.

דאך קוק איך אויף דעם באי און בין איהם שטארק מקנא פאר זיין בעשיצער.

ווי מיר זיינען אריבער דעם גרענעץ, איז ניטא וואס צו דער־צעהלען, דאס האבען פיעלע דורכגעמאכט. מען האט אונז עטליכע מאל אבגעשטעלט, דערצעהלט אז אט געהט א סאלדאט, וועלכען מיר האבען ניט געזעהן, און אז מען מוז איהם אונטערקויפען, גע־פאדערט יעדעם מאל אויף דעם פערטעלעך, האלבע און גאנצע רובעל, ביז וואנען מען האט ביי אונז אבגענומען א שעהנע מטבעה. ביים סאמע גרענעץ האט מען אונז איבערגעגעבען צו א רוסישען פארא־באק, און מיר האבען געמוזט נאכלויפען נאך איהם אין א גאנץ

טונקעלע נאכט איבער א פריש געאַקערטעם פעלד, איבער גריבער און איבער טהאָלען א היבשען רוסישען וויאָרסט, אויב ניט קיין גאַנצע צוויי. גוט בעקאַנט מיט אַלע גריבער און שטיינער, און אויך געוועהנט צו דעם, איז אונזער פּאַראָבאָק געלאָפען זעהר פלינק. אונז, מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס און מיט דעם שרעק אין הארצען, איז דאָס ניט געווען אזוי לייכט; נאָר אָט-אָט זעהט זיך שוין ליכט אין א מוזשיצקער שטיבעל פון יענער זייט גרענעץ, אהין פליהען מיר, מיר מאַכען די לעצטע אָנשטרענגונג אהין צו לויפען. אָבער אין מיטען דעריינען דערהערען מיר א שטאַרקען קלאַפּ און גלייך נאָכדעם א פירכטערליכען געשריי, אָט גראד ווי מען וואָלט דאָרט לעבען יענעם שטיבעל געקוילעט אַן אָקס. דער געשריי איז אָבער פאָרט א מענשליכער. פערציטערטע זיינען מיר געוואָרען. וואוהין לויפען מיר — האָט זיך ניט ווילענדיג א טראַכט געטהאָן — אין א נעסט פון גזלנים? מיין בלייכער יונגער מאַנטשיק איז גע-בליבען שטעהן לעבען איינגעל; פון שטוב האָט מען ארויסגעטראָגען א לאַנטערנע, און דאַן האָב איך ערשט דערזעהן וואָס בלייכקייט הייסט אויף די פנים'ער פון מיינע צוויי צופעליגע חברים. „גבורי ישראל" האָב איך זיך א טראַכט געטהאָן; „עס איז פאָרט אַן אָרעם-בחור" האָב איך בעשלאָסען. שפּעטער האָבען מיר דערהערט אַז א איד וויינט און טענה'ט אין שלעכטען רוסיש. מיר האָבען גלייך פערשטאַנען אַז דאָס איז געווען א געשלעג, ווייל דער איד האָט דעם גוי ניט בעצאָהלט וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט, פאַר אַריבער-פעקלען טאַבאַק פון רוסלאַנד נאָך עסטרייך.

ווי מיר זיינען נאָר אָנגעקומען אין שטיבעל, האָט אונז דער געשלאָגענער אידישער קאָנטראַבאַנדיסט פּאָרגעשלאָגען, אַז מיר זאָלען גלייך פערפאָהרען צו איהם אויף קוואַרטיר אין בראָד. מיר האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און זיינען צוזאַמען אוועקגע-פאָהרען אויף א דאָרפס-וואָגען צו איהם. אין בראָד זיינען מיר אָנגעקומען שוין מיט דעם העלען טאָג.

אָבוואָהל מיר זיינען געווען אויסגעמוטשעט, הונגעריג און שלעפעריג, דאָך האָט די קוואַרטיר געמאַכט א שוידערהאַפטען איינ-דרוק, זי האָט אויסגעזעהן מעהר ווי די הייהלען בעשריבען אין די שונד-ראָמאַנען פון גאַבאַריא. אונזער בעל-הבית אליין איז געווען אַזוי גרויס ווי גלית הפלשתי און האָט געהאַט דעם אויסזעהן פון א ווילדען פּאַגראָמשציק. מיר זיינען אַלע אָבער גלייך צופאַלען

אויף דער ערד, אויף די מאטראצען, און איינגעשלאָפען. אויפגע־שטאַנען בין איך שוין שפּעט נאָכמיטאָג. איך האָב אָנגעהויבען ארומקוקען זיך, און צווישען עולם האָב איך געפונען א פּאָר סימ־פּאַטהישע פּנים'ער: דאָס זיינען געווען רוסישע אידישע יונגע לייט, וועלכע האָבען געוואַרט אַז דער קאָמיטעט זאָל זיי אָבשיקען נאָך אַמעריקאַ. מיר האָבען זיך פונאַנדערגערעדט, אויסגעהערט זייערע פּעקלעך צרות: איינִיגע וואַרטען שוין דאָ און הונגערען צו 7—8 מאָנאַט, און וואָס ערוואַרטעט זיי ווען זיי וועלען קומען אין אַמע־ריקאַ ווייסען זיי אויך ניט.

אַ קהל מענש בין איך שטענדיג געווען, און דאָ האָב איך זיך אויך גלייך פערטראַכט, וואָס קען מען טהאָן פאַר די עמיגראַנטען, אום צו פערלייכטערען זייער לאַגע אין דער אונבעקאַנטער מדינה. אַלערערשט זיינען איינִיגע פון זיי פּשוט הונגעריג. איך האָב ארויס־גענומען אַ פּאָר מטבעות און איינער פון מיינע נייע בעקאַנטע איז גלייך אַוועק און האָט איינגעקויפט זעמעל, הערינג, קאָלבאַס און נאָך זאַכען. מיר האָבען זיך איינִיגע ארומגעזעצט ארום אַ קאַסטען און גענומען זיך צו דערקוויקען דעם אינערען מענשען. אָבגעגעסען, האָב איך זיך ווידער גענומען ארומקוקען דעם עולם. איך זעה מיין יונגער מאַנטשיק זיצט און שרייבט, און שרייבט עפּעס לאַנגע מגילות. עס ליעגען שוין אַ פּאָר בויגעלעך פערשריעבענע ארום איהם, און ער שרייבט נאָך אַלץ ווייטער. איך קוק זיך צו בעסער צו איהם — ער זעהט שוין אויס גאָר אַנדערש. עס זעהט אויס אַז ער איז פריהער אויפגעשטאַנען פון מיר, ער איז שוין ארומגע־וואַשען; זיינע האָר, זיינע פּאות'ן זיינען גאָר פערענדערט געוואָרען; זיין פינף־האָריגע באָרד איז פערשוואונדען. וואָס איז דאָס אַזוינס! אהא, ליטוואַק צלם־קאָפּ! פריהער האָט ער מורא געהאַט צי מיין מעסערעל איז ניט קיין טרפה'ר — און איצט האָט ער זיך גאָר אָבראַזירט! ביז ער וועט קומען אין אַמעריקאַ וועט ער זיך מסתמא אין גאַנצען אָב'שמד'ן און ווערען אַ מיסיאָנער. איך האָב זיך אָב־געקעהרט פון איהם און זיך ווידער גענומען צו מיינע נייע בעקאַנטע, די עטליכע סימפּאַטישע עמיגראַנטען. איך האָב מיט זיי וועגען פיעלעס גערעדט, געטרייסט זיי, גע'מוסר'ט, געזאָגט אַז מען מוז לעבען צווישען זיך ווי ברידער, מען מוז אויך זיך צוגרייטען צום נייעם לאַנד, מעג עס זיין אַמעריקאַ אָדער פּאַלעסטינאַ, איןביידע וועט זיין מסתמא די הויפּט־שפּראַך די ענגלישע, און מען

מוז זיך שוין נעהמען צו איהר. מיינע צוהערער באמקען מיר צו, איך קוק זיך ווידער ארום — איך זעה מיין בלייכער איז שוין לעבען אונז, ער הערט זיך צו, זיין שפּיציגע מאָרדע אויסגעצויגען, דער מויל האלב אָפען, ער הויבט אויף אָן ריידען און ראטה מען זאָל זיך לערנען ענגליש, ער קען אין דעם מיטהעלפען, ווייל ער קען עטוואָס לאטיין.

„שא, אפשר אחינו אתה" גיב איך א קלעהר און גיב האסטיג איהם א פרעג:

— איהר קענט לאטיין? ווירקליך?

— ניין — זאָגט ער. — איך קען די בוכשטאבען, און איך דענק, מיר וואָלט דארום געווען לייכט זיך אויסצולערנען לייענען ענגליש.

אָן ענטטוישטער רוק איך זיך ווייטער אָב פון איהם. אָן אָרעם-בחור, א בטלן, איך האָב א סך אזעלכע געזעהן, וועלכע לערנען זיך אוים די אַזבוקע פון יעדער שפּראך.

אויף מאָרגען בין איך אוועק קויפען אַן ענגלישען דאָלמעטשער. אויפ'ן וועג האָב איך אָבער אויך אויפגעזוכט מיינע צוויי אַלטע חברים, ספּיוואַק און יאראס, און דער אַלטער פּאַלעסטינישער גייסט האָט זיך ביי אונז אויפגעפלאַקערט. מיר האָבען גלייך בעשלאָסען אומדרעהען דעם שטראָם פון די עמיגראַנטען פון מערב אויף דרום, קיין פּאַלעסטינא. איך האָב זיך גלייך אריבערגעקליבען פון דעם ווערטעפּ, וואוהין מען האָט מיך פערפיהרט אין בראָד, און אריבער אין אַן אַנדער הויז לעבען מיינע צוויי חברים. די ארבייט אונזערע האָט אונז שטאַרק בעגייסטערט, מיר האָבען געפונען פיעלע צוהע-רער, מיר האָבען אָרגאַניזירט א סך עמיגראַנטען אין פּאַלעסטינא קרוזשקעס. גאַנצענע טעג פלעגען מיר ארומלויפען פון איין פּלאַץ אויפ'ן אַנדערען און פּראָפּאַגאַנדירען, אַז די עמיגראַנטען זאָלען פאָהרען אין ארץ ישראל. לויפענדיג איינמאָל אזוי מיט ספּיוואַק'ען אויף א מיטינג, רעדענדיג איינער מיט'ן אַנדערען אויף רוסיש, זיינען מיר אין מיטען דערינען אָבגעשטעלט געוואָרען פון א יונגען מאַן, וועלכער האָט אויסגערופען צו אונז אויף א ריינעם רוסיש:

„פּאָסטאָיטע גאָספּאָדא, קודא ווי ספּעשיטע, פּאָזוואָלטיע פּאָזנאַ-קאָמיטסיא!" און האָט זיך אָנגערופען מיט דעם נאָמען קרוגליאַנ-סקי. איך גיב א קוק אויף דעם יונגען מאַן — איך זעה עס איז מיין בטלן, אָרעם-בחור, מלמד, מסור; רויט בין איך געוואָרען פאר

שאַנדע, וואָס איך האָב אַזעלכע זאַכען אויף איהם געדאַכט. ער האָט מיר אויך גלייך דערקענט, און האָט אויך אַ פּערשעהמטער געזאָגט, ווידער אויף רוסיש: „אַך וויעד וואָס יאַ אוזשע דאוונאָ זנאיו!“ דער געשפּרעך האָט זיך ביי אונז ניט געקלעבט, איך האָב זיך בענוצט מיט דעם וואָס מיר איילען צו אַ מיטינג, און האָב זיך פון איהם אָבגערוקט.

פון אונזער פּאַלעסטינאַ איז גאָר ניט אַרויס. אָנשטאָט בייטען דעם שטראָם פון דער עמיגראַציאָן, האָט אונז דער שטראָם אוועק־געטראָגען מיט זיך. אין ליווערפּול האָבען מיר אָנגעטראָפען אַ ווילנער קרוזשאָק. יענע האָבען זיך נאָכגעפרעגט צו האָבען מיר ניט געטראָפען אונטער וועגס אַזאַ און אַזאַ יונגען מאַן. פון זייער בע־שרייבונג האָב איך גלייך פערשטאַנען, אַז זיי מיינען מיין בלייכען יונגען־מאַנטשיק. פון זיי האָב איך זיך אויך דערוואוסט, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי געהאַלטען ביין אַריבערגעהן דעם גרענעץ.

אין ניו יאָרק האָבען מיר זיך שוין בענגענט ווי אַלטע בעקאַנטע און גוטע פריינד.

דאָ האָבען מיר זיך אַמאָל צורעדט וועגען אונזער ערשטע בעגעגענים. איך גלויב אַז אַב. קאַהאַן, דאָס איז געוועזען מיין בלייכער יונגער־מאַנטשיק, האָט מיר דער ערשטער געפרעגט, פאַר וועמען האָב איך איהם אָנגענומען. איך האָב איהם דאַן גאַנץ אָפענהערציג געזאָגט: פאַר אַ בטלן, אַרעם־בחור א. ז. וו. „און איהר מיך?“ פרעג איך איהם. — פאַר אַ געהילפע פון אַ דאַמסקען שניידער.

און מיר האָבען זיךביידע צולאַכט.

אבראהאם קאהאן אלס גרינהאָרן.

עראינערונגען פון זיין ערשטען יאָהר אין אמעריקא.

פון אלכסנדר הארקאווי.

די וואס וויסען דעם היינטיגען מר. קאהאן — דעם שרייבער אין ענגליש, דעם טהוער אין דעם אמעריקאנישען סאָציאליזמוס — קענען זיך געוויס ניט פאָרשטעלען, אז ער איז אמאָל געווען א גרינ־האָרן, און דאָך איז עס אמת. אָבער לאָמיר אייך זאָגען, אז מר. קאהאן האָט זיך גאָר ניט צו שעמען מיט זיינע „גרינע" יאָהרען.

מר. קאהאן איז געקומען אין ניו יאָרק אין דעם זומער פון 82', כמעט אין איין צייט מיט דער דריטער גרופע „עם עולם", פון וועלכער איך בין געווען א מיטגליעד. דער קאָמיטעט, וועלכער האָט דאַן עקזיסטירט צו העלפען אידישע איינוואנדערער, האָט פיר דיזע גרופע אויף א מאָנאט געדונגען א קווארטיר אין 4½ דיוויזשיאָן סטריט און האָט אונז דאָרטען אויך בעזאָרגט מיט עסען. אין דיזער קווארטיר בין איך עס בעקאנט געוואָרען מיט מר. קאהאן; ער פלעגט דאָרטען אריינקומען כאפען א שמועס און פאר איין גאנג אויך א פרייען מאהלצייט, אין וועלכען ער האָט זיך דאַן, ווי מיר, זעהר שטארק געגויטיגט.

פון די אַלע אינטעליגענטע רוסיש־אידישע איינוואנדערער פון יענעם יאָהר איז מר. קאהאן פיעללייכט דער איינציגער, וועלכער האָט זיך דאָ אימער אָבגעגעבען מיט דעם, צו וואס ער האָט זיך געפיהלט בערופען. ווערהענד די אַנדערע אינטעליגענטען האָבען זיך געוואָרפען פון איין בעשעפטיגונג צו א צווייטער און אָפט צו אַזעלכע בעשעפטיגונגען, וועלכע זיינען לויט זייערע פעהיגקייטען און ערציהונגען ניט געווען צוגעפּאסט צו זיי, האָט מר. קאהאן גלייך פון אָנפאנג אָן זיך גענומען צו רעדנעריי און שרייבעריי. אויך האָט ער ניט געמאכט קיין שהיות מיט'ן אָנפאנג: ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט, קען מען זאָגען, אזוי באלד ווי ער איז אראָב פון וואָגען. א פּאָאר חדשים נאָך זיין אָנקומען האָט מען איהם שוין

געזעהען אין ריווינגטאָן סטריט אָדער דעלענסי סטריט אויף א מיטינג פון גרינע אידען, אגיטירענדיג מיט גרויס התלהבות פיר טרעיד־יוניאָנזימוס אָדער עפּעס עהנליכעס.

דאָס וועט דאָך מסתמא יעדער איינער אליין פערשטעהען: אז אין יענע צייטען האָט מען פון רעדנעריי צווישען די איינגעוואנ־דערטע אידען ניט געקענט האָבען קיין פּרנסה. די אידישע פּראָלעטאריער־מאסע איז נאָך געווען צו קליין, צו אָרים און ניט אָרגאניזירט, אז מען זאָל פון איהר קענען ערווארטען בעלוינונג פיר אגיטאציאָן. א חוץ דעם זיינען אגיטאטאָרען אין יענע „גרינע" צייטען געווען צו אידעאליסטיש, זיי זאָלען גאָר ערווארטען א בעלוינונג פיר פּראָפּאגאנדירען זייערע אידעען. פון זיין ארבייט צווישען די מאסען האָט מר. קאהאָן ניט ערווארט קיין שום מאטעריעלע נוצען. אי איז דאָך די קשיא: פון וואנען האָט ער געזאָלט לעבען? — אָט דאָס וויל איך טאקע דערצעהלען און דערפון וועט מען זעהען, וואָס פאר א טייערער גרינהאָרן מר. קאהאָן איז געווען.

פיהלענדיג זיך פעהיג צו שרייבען האָט מר. קאהאָן בעשלאָסען צו זוכען פּרנסה דורך די פעדער. נאָר וואו שרייבט מען? — אין אמעריקאנישע צייטונגען — האָט ער נאָך קיין ענגליש ניט געקענט; אין אידישע צייטונגען אין דיזען לאנד — האָבען דאָ אזעלכע צו יענער צייט אזוי גוט ווי ניט עקזיסטירט. אין ניו יאָרק איז דאַן געווען בלויז איין וואכענבלאט — די „יודישע גאזעטען" — און דיזע האָט אויך געהאט א טרויעריגע עקזיסטענץ. מר. קאהאָן איז געפאלען אויף א פּלאן זיך אָנצובאטען אלס קאָררעספּאָנדענט פיר די רוסיש־אידישע וואָכענשריפט „רוסקי יעווריי", וועלכע איז ער־שיענען אין פּעטערסבורג און ער איז געווען איבער־גליקליך, ווען ער האָט פון דער רעדאקציע געקריגען א בריעף: „שרייבט — מיר וועלען בעצאָהלען." אין זיין פאנטאזיע האָט אונזער גרינער קאהאָן פאר זיך דערזעהען א פעטען טאָפּ און ער האָט זיך מיט גרויס חשק גענומען צו דער ארבייט. איבער וואָס צו שרייבען האָט איהם ניט געפעהלט: די לאגע פון די אָנגעשוואומענע אידישע עמיגראנטען איז אליין געווען אַן אונערשעפּפליכער קוואל; א חוץ דעם איז פיר א רוסיש־אידישע צייטונג געווען זעהר וויכטיג צו וויסען וועגען אמעריקאנישע אידישע געזעלשאפטען און אינסטיטוציאָנען. איבער דיזע זאכען האָט מר. קאהאָן וואָך־איין וואָך־אויס בעריכטעט אין

לאנגע קאָררעספּאָנדענצען אונטערשריעבען מיט זיין טאַטענ'ס נאָמען „שכנא“. ער איז אין דיזער ארבייט געווען אונגעוועהנליך טהעטיג: ער איז געגאַנגען אויף אַלע אידישע מיטינגען, וויכטיגע און ניט וויכטיגע, און האָט אויך אָבגעהיט די געדרוקטע רעפּאָרטען פון סאָסייעטיס, אָבוואָהל ער האָט נאָך ניט געקענט קיין ענגליש. ענגלישע שריפטען, וועלכע ער האָט געדארפט בענוצען אלס מאַטע־ריאַל פיר זיינע בעריכטען, פלעגט ער דורכקריעכען מיט דער הילף פון א ווערטערבוך. די געצאָהלט פון דעם „רוססקי יעוורעי“ פיר זיין ארבייט האָט ער ערוואַרטעט פיר א חודש אָדער פיר עטליכע וואָכען מיט אמאָל און לויט דעם האָט ער געהאַט איינגעאָרדענט זיינע בעדינגונגען וועגען באָורד און לאָזשיע, האָפענדיג צו בעצאָה־לען ווען עס וועט קומען זיין לוין פון דער רוסישער הויפּטשטאדט. אונזער אָרימער גרינער קאהאַן האָט אָבער געהאַט א ביטערען טעות. אין פּעטערסבורג האָט מען געהאַט צייט. עס איז אוועק א חודש, מר. קאהאַן האָפט אָט־אָט קומט אָן געלד און קיין געלד קומט ניט אָן; עס געהט אוועק נאָך א חודש — די מאַכערס פון „רוססקי יעוורעי“ מאַכען זיך כלא ידע. מר. קאהאַן מאָהנט, און נאָך פיעלע מאָהנענעם קומט א לאַקאָנישער בריעף: „שרייבט ווייטער — מען וועט בעצאָהלען“. ער שרייבט ווייטער, וואַרט אָב א שעהן שטיקעל צייט און די רעדאַקציע איז ווי אויסגעשטאָרבען; דער איינציגער סימן פון לעבען איז נאָר געווען, וואָס זיינע קאָררעספּאָנדענצען זיינען יעדע וואָך געווען געדרוקט. מיט א געפּלאַצטער געדולד הויבט ער וויעדער אָן צו מאָהנען, שטארק, מיט אָפטע בריעף. דער קיצור המעשה איז, נאָך א לאַנגער באָמבאַרדע פון בריעף בעקומט אונזער מר. קאהאַן איין שעהנעם פריהמאָרגען א פּאָסט־קאַרטע (די חברה האָבען אפילו געזשאַלעוועט א מארקע אויף א פערמאַכטען בריעף) אָט מיט דיעזע קאַלטע גזלנ'ישע שורות: „ק סאָזשאַלעניו רעדאַקציאַ רוססקאַוואַ יעוורעיאַ ניע וו סאָסטאָיאַניאי זאַפּלאַטיט וואַס זאַ וואַשי טרודי“. (ליידער איז די רעדאַקציע פון „רוססקי יעוורעי“ ניט אין שטאַנד אייך צו בעצאָהלען פאר אייער ארבייט). איך געדענק קלאָר דעם נוסח, וויל איך בין גראָדע געווען צו בעזוך אין קאהאַנ'ס רעזידענציע אין מאָטט סטריט, ווען די פּאָסט־קאַרטע איז אָנגעקומען.

איהר קענט זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פיר א נחת דער אָרימער גרינער קאהאַן האָט געקליעבען פון אזא תשובה. עס איז

איהם פערגאנגנען דער אפעטיט ווייטער צו זיין א קארעספאנדענט פיר ציימונגען אין רוסלאנד. זייט דאן, ווי ווייט איך ווייס, האט איהם בלויז איינמאל אנגענומען א חשק צו שיקען א קארעספאנ־דענציע אין רוסלאנד; דאס איז געווען אין דעם יאהר 1883, אין דער צייט פון קליוולאנד־בלעין קאמפעין, איבער וועלכער עס איז פון איהם ערשיענען א לאנגער ארטיקעל אין דעם „וויעסטניק יעווראפי“. דיזען ארטיקעל האט ער אבער געשריעבען מעהר אוים ליעבע צור קונסט ווי צו מאטעריעלע נוצען.

אויסניכטערענדיג זיך פון דעם בריוועלע פון „רוסקי יעווריי“ האט קאהאן אבגעשניטען זיינע פערבינדונגען מיט רוסלאנד און האט זיך גענומען פערבינדען מיט אמעריקא. ער האט אנגעפאנגען פלייסיג צו לערנען די שפראך פון זיין נייער היים און האט גאר אין א קורצע צייט געמאכט גרויסען פארטשריט. די קענטניס פון ענגליש האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו פערדיענען אויף זיין לעבען דורך אונטערריכט. די גרינע פון יענער צייט פלעגען, אמת, פיר לעקציאנען צאהלען ניט פיעל, אבער אין יענע צייטען האט זיך ביי אינטעליגענטע יונגע לייט פון רוסלאנד ניט געהאנ־דעלט פון לוקסוס; זיי זיינען געווען איבער־צופריעדען, ווען זיי האבען פערדיענט גענוג אויפצוהאלטען די נשמה און צו קענען קויפען סעקאנד־הענדיגע הויזען און שיך. וויפיעל, מיינט איהר, האט דער גרינער קאהאן דאמאלס נויטיג געהאט פיר זיין פרנסה? — איך קען איך פערזיכערען, אז איהר וואלט זיין אויסהאלט פיר א מאנאט געקענט אבקויפען מיט א צעהן דאלאר. דריי דאלאר א מאנאט א „רומקע“ מיט קאפע אין מאטט סטריט, זעכציג סענט א פאאר אלטע שיך אין בעקסטער סטריט און צעהן־פופצעהן סענט א טאג דער מיסים פיר דינער האבען נאך קיין צעהן דאלאר א מאנאט ניט בעטראפען!

די לעהרעריי אין ענגליש איז ביי אונזער מר. קאהאן נאר געווען א מיטעל צו קומען צו א ציעל. ער האט געשטרעבט דורך זיין קענטניס אין דער שפראך פון לאנד צו ווערען א שרייבער אין אמעריקאנישע צייטונגען, און אזוי באלד, ווי ער האט זיך נאר געפיהלט פעהיג אוועקצושטעלען א קארעקטען זאץ אין ענגליש, האט ער שוין געקלאפט אין די טהירען פון די ניו יארקער ענגלישע צייטונגען. די הערצען פון די רעדאקציעס האבען זעהר א שטיפ־פעל געגען נייע און איבערהויפט נאך גרינע שרייבער; קאהאן איז

אבער ניט געוועזן פון די מענשען, וועלכע זיי האבען געקענט לייכט אבפערטיגען און זיי האבען איהם ווילענדיג־ניט ווילענדיג געשענקט אויפמערקזאמקייט. אין 1885 אדער 1886 (איך געדענק ניט קלאר דעם יאהר) איז שוין אין דעם „ניו יארק ווארלד" פון איהם ערשיע־נען אן ארטיקעל. דיעזער ארטיקעל, דוכט מיר, איז געווען וועגען דעם רוסישען קייזערליכען הויף אין פערבינדונג מיט ניהיליזמוס אדער עפעס עהנליכעס.

נאך פיעלע בעמיהונגען צו ווערען א זשורנאליסט אין ענגליש האט מר. קאהאן זיך ארומגעזעהן, דאס זיין קאריערע אלס שרייבער ליעגט הויפטזעכליך צווישען די איינגעוואנדערטע מאסען, און ער האט ענדליך בעשלאסען זיך צו נעהמען שרייבען אידיש. זיין ערשטע פראבע אין אונזער מוטער־שפראך האט ער געמאכט אין 1886, ווען ער האט געגרינדעט א וואכען־בלעטעל מיט דעם נאמען „נייע צייט". די שפראך פון דיעזען בלעטעל איז געווען „פליינע אידיש" — די „אידישע אידיש" וועלכע מר. קאהאן פאראדירט נאך ביז היינטיגען טאג. די „נייע צייט" האט עקזיסטירט בלויז דריי וואכען; איהר קורצע עקזיסטענץ איז געווען צו פערדאנקען קיין אנדערער זאך ווי דעם מאנגעל פון געלד, דען זי האט זיך גע־גרינדעט בלויז מיט א קאפיטאל פון עטליכע צעהנדליג דאלאר, וועלכע אונזער אלטער בעקאנטער דר. ראיעווסקי האט דאן פער־מאגט. (דר. ראיעווסקי איז געווען דער פאבלישער פון דיעזער צייטונג.)

איך גלויב, דאס איך בין שוין געקומען צו דעם גרענעץ, וועלכען איך האב זיך געשטעלט, צו שרייבען וועגען מר. קאהאן אלס גרינ־הארן. אין 1886 איז ער שוין געווען „אויסגעגרינט" און געשטעלט אויף א וועג, וועלכער האט אהן אונטערברעכונגען געפיהרט צו דער פערווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען.

ערינערונגען פון קאהאן'ס גרינע צייטען.

פון דר. ח. ספיוואק.

דאס איז געשעהן אכט און צוואנציג יאהר צוריק, אין דעם מאנאט אפריל, אין דער שטאדט בראד. שווער איז דאן געלעגען אויף מיינע פלייצעס די אויפגאבע פון אויסלייזען דאס כלל ישראל פונ'ם גלות. מיט אלע כחות האב איך זיך געריסען נאך ארץ ישראל און בין געווען בעשעפטיגט טאג אזוי ווי נאכט מיט מיין דונער־בליץ פראפאגאנדא. איך האב געהאלטען אין איין דרעהען א ספאדיק קליין און גרויס, יונג און אלט; איך האב גערעדט פאר פייער און פאר וואסער, גערעדט ביי־טאג און ביי־נאכט, אין שטוב און אין גאס, גערעדט הויך, היציג, שטורמיש, איבערהויפט הויך אויפ'ן קול.

ויהי היום, לויפענדיג אזוי אין גאס, מאכענדיג מיט די ידים, רייסענדיג זיך די געמבע און מיט א כאפטע חסידים־פאלעסטינעזער וואס האבען זיך געסטארעוועט מיט אבגעהאקטע אטהעמער צו האלטען שריט מיט מיר, האט מיך פלוצלונג אבגעשטעלט א יונגער־מאן וועלכער האט מיר אבגעגעבען א ברייטען שלום עליכם (אויף רוסיש) און אהן צערעמאניע האט ער טאקע באלד מיך פערוואָרפען מיט שאלות און קשיות.

מיין זכרון איז א קורצער. איך געדענק ניט איין ווארט פון אונזער געשפרעך. איך וויים נאר אז אונזער אינטערוויו האט שטאטגעפונען אונטער דעם פרייען בראדער הימעל, ער האט געדויערט לאנג און איז געווען פון א הויכער טעמפעראטור. מיר האבען זיך געזעגענט אויסשפרעכענדיג די האפנונג אז מיר וועלען זיך בעגעגענען אין גיכען — איך מיט א תפילה אין הארצען אז עס זאל געשעהן אין פאלעסטינא, און יענער — אין אמעריקא.

דער יונגער מאן איז געווען אב. קאהאן.

עס וועט פילייכט קלינגען ראמאנטיש ווען איך וועל זאגען, אז אונזער ערשטע בעגעגנים איז געווען פון דעם סארט וואס מען

רופט „ליעבע פון ערשטען אויגענבליק“. מיר האָבען זיך נאָר איין און איינציגען מאָל געזעהן אין בראָד, מיר זיינען נים געשטאַנען אונטער איין דאַך און מיר האָבען אפילו איין גלאָז טהעע נים אויס־געטרונקען צוזאמען, דאָך ווען מיר האָבען זיך בעגעגענט אין דריי מאָנאַט ארום אין ניו יאָרק האָבען מירביידע געפיהלט, ווי מיר וואָלטען געווען אַלטע בעקאַנטע, אמת׳ע גוטע ברידער.

פיעלע אזעלכע ליעבעס זיינען דעמאָלט געשלאָסען געוואָרען. עס איז געווען א פסיכאָלאָגישע נויטווענדיגקייט. נאָך דעם שטורמי־שען רעוואָלוציאָנערען לעבען אין רוסלאַנד און די ענטטוישונגען אין אונזערע אידעאַלען, זיינען מיר, די ערשטע רוסישע עמיגראַנטען, געבליבען די ערשטע יאָהרען דאָ אין אמעריקא קרח מכאן וקרח מכאן — אָהן א ציעל אין לעבען, אָהן אידעאַלען — מיט איין וואָרט, מיר האָבען זיך אַלע געפיהלט ווי א מלמד אָהן א קנעלונג. עלענד און פערוואָגעלט זיינען מיר געווען דאָ אין די אכציגער יאָהרען און אזעלכע פריינדשאַפטען און ליעבעס זיינען געווען די איינציגע קוואַלען פון ערפרישונג און ערמונטערונג. איך בין זיכער אַז אזעלכע אינטימע פריינדשאַפטען האָבען מציל געווען פיעלע פון זעלבסטמאָרד.

עס איז פיליינכט מיין גליק וואָס איך האָב געמוזט פערלאָזען ניו יאָרק אין א קורצע צייט ארום נאָך מיין קומען אין אמעריקא, און קאהאַן און איך זיינען געווען געצוואונגען אונטערהאַלטען די וואַרעמקייט פון אונזער פריינדשאַפט מיט דעם ברען־מאַטעריאַל פון קאָרעספּאָנדענץ. ווער ווייסט וואָס פון אונזער פריינדשאַפט וואָלט געוואָרען ווען מיר זאָלען געווען בלייבען ביידע אין דער זעלבער שטאָדט. עפּעס א שטיקעל מחלוקה לשם שמים וואָלט פיליינכט אין א שעהנעם פריהמאָרגען צושטערט אונזער פריינד־שאַפט. פון דער וויטענס אָבער האָב איך אין קאהאַנ׳ס אויגען אויסגעזעהן ווי א מלאך, און קאהאַן אין מיינע אויגען ווי א גאָט.

פיעלע יאָהרען זיינען פערגאַנגען זייט מיר האָבען זיך בעגעגענט אין בראָד. אונזערע ביידענס ריכטונגען — פּאָליטישע, עקאָ־נאָמישע, נאַציאָנאַלע — זיינען פערשיעדען כרחוק מזרח ממערב. מיר קאָרעספּאָנדירען זעלטען און מיר זעהען זיך זעלטענער, אָבער איך גלויב אַז אונזער פריינדשאַפט גליהט נאָך ווי אין די גוטע אַלטע צייטען.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט אז קאהאן'ס טויזענדער פערעהד־רער האָבען ברעה צו פייערען זיין פופציגסטען יובילעאום און מען האָט מיר אָנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט אז איך מוז צושטעלען זכרונות מני קדם האָב איך זיך דערמאָנט אָן אונזער בריעף־וועקסעל פון די יאָהרען 1883 און 1884. איך האָב געמאַכט אַ בדיקה און איך האָב מיט מזל געפונען וואָס איך האָב געזוכט. אָט ליעגט פאַר מיינע אויגען אַ פעקעל פערשטויבטע, פערגעלטע בריעף. דער טינט פון אייניגע בויגעלעך איז כמעט אין גאנצען פערבלייכט געוואָרען.

ער פערדיענט שוין, שרייבט ער מיר, גאַנצע פיער דאָלאַר אַ וואָך פון ענגלישע אוראָקען און איז מאַטעריעל גאַנץ שעהן פער־זאָרגט. עס פעהלט איהם לחלוטין גאָר ניט. ענגלישע אוראָקען האָט קאהאן אָנגעהויבען צו געבען טאקע באלד ווי ער האָט נאָר פערלאָזען קעסל־גארדען. מיט דערמיט זיינען מיר צוגעוואוינט געוואָרען און האָבען זיך ניט מעהר געוואונדערט. אָבער אַז אין אַ קאַרגען יאָהר ארום האָט ער שוין געשריעבען ארטיקלען פאַר די ענגלישע צייטונ־גען „טריביון", „ניו יאָרק וואָרלד", „טרוטה" א. ז. וו., דאָס איז געווען אָן ערשטוינענדע נייעס וועלכע קאהאן האָט מיר מיטגע־טהיילט אין יולי 1883. צו דער זעלבער צייט האָט ער געשריעבען קאָרעספאָנדענציעס און ארטיקלען אין פיעלע רוסישע צייטונגען ווי „עכאָ", „רוסקי יעוורעי", „וואָסכאָד" א. ז. וו. ער האָט איבערזעצט „כאלטורין אין פאלאץ" פון קאלענדאר נאראָדני וואָלי, און האָט זיך דערמיט ארומגעטראָגען צו פיעלע רעדאקטערע. „צו ראדיקאל" — האָט מען איהם געזאָגט און קיינער האָט דאָס ניט געוואָלט דרוקען.

די בריעף פון דעם פעריאָד זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון אונרוה, ער האָט זיך געמאַטערט מיט דער פראַגע „וואָס טהוט מען", ווי אזוי קען מען זיך איבעראַנדערשען, מאַכען פון זיך אַ פאָלקאָמען מענשען. אונצופריעדענהייט מיט זיך, מיט זיין מאָראלען און גייסטיגען לעבען וועהט פון יעדער שורה. ער איז ניט געווען ריין, גוט, עהרליך; ער האָט ניט קיין געזעצטע מיינונגען, קיין בעשטימטע ריכטונגען, קיין אמת'ע אידעאלען. עס פעהלט איהם וויסענשאַפט, ער איז אַן איגנאָראַמוס. „עס איז צום לאַכען — שרייבט ער — איך דעבאַטיר, איך ארגומענטיר, איך היץ זיך, איך מאַך קולות, און אין מיטען דערין דערמאָן איך זיך אַז איך בין דאָך אַ לעדיגע כלי, אַ פוסטער מענש אָהן אַ ברעקעל וויסען, און עס

הויבט מיר אָן פלאַמען דער פּנים. איך שעהם מיך פאַר זיך אַליין.“
— און תוך כדי דבור שרייבט דער דאָזיגער איגנאָראַמוס אַז ער לערענט פלייסיג העכערע מאַטהעמאַטיק און ווערט נתפעל פון דער וויסענשאַפט, ער לעזט די ענגלישע קלאַסיקער, שטודירט די דייטשע שפּראַכע, נעהמט אוראָקען אין פראַנצויזיש פון אַ לעהרערין וועלכער ער צאָהלט זעקס דאָלאַר אַ חודש; איז שטאַרק פעראינטערעסירט אין אַמעריקאַנער פּאָליטיק וועלכע ער פערפאַלגט געוויסענהאַפט, לייענט קאָנט אונטער דער לייטונג פון וויליאַם פרעי און געהט רעגעלמעסיג הערען די לעקציעס איבער געשיכטע און פילאָזאָפיע וועלכע דער בעוואוסטער פּאָזיטיוויסט עדוואַרד קינג פלעגט פאַרלעזען פאַר דעם אַמאָליגען רוסישען קרוזשאָק.

מען דאַרף ניט פערגעסען אַז די רוסישע יוגענד וועלכע האָט ניט געבראַכט מיט זיך פון דער היים קיין בעזאָנדערע אויסגעאַרבייטע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אַנזיכטען האָט זיך דאָן פלוצלינג געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דריי פערשיעדענע זעהר שטאַרקע ריכטונגען, יעדע ריכטונג איז געווען בעהערשט פון אַ גאָט-מענש. אַזוי לכל הפּחות האָט מען די דריי לעהרער בעטראַכט. דער ערשטער איז געווען וויליאַם פרעי, וועלכער האָט געלערענט פּאָזיטיוויזמוס און „די רעליגיאָן פון מענשהייט“. דער צווייטער איז געווען פעליקס אַדלער, וועלכער האָט געפּרעדיגט עטהיקאַל קולטשור. דער דריטער איז געווען יאָהאַן מאָסט, וועלכער האָט פּראָפּאַגאַנדירט אַנאַרכיזמוס. מען איז געלאָפען זיי אַלעמען הערען ווי נאָך מצה-וואַסער. יעדערער פון די דריי האָט אויפגעעפענט אַ נייע וועלט. אָבער די ערשטע צייט האָבען זיך די לעהרעס פון די דריי אויסגעמישט אין די מוחות פון דער יוגענד און עס איז געוואָרען אַ עטהיקאַל-אַנאַרכיסטיש-פּאָזיטיוויסטישע קאַשע. קאַהאַן אין איינעם פון זיינע בריעף קלאָגט זיך אויף זיין צורישען געמיטה; ער קען זיך ניט אָריענטירען; ער וויים ניט וואָס וועט זיין דער סוף, ער איז זעהר שטאַרק מקנא סאַי פרעי, סאַי אַדלער און מאָסט וואָס זיי האָבען אַ שטאַרקען פונדאַמענט אונטער זייערע פיס, ער אָבער, שרייבט ער, שטעהט אין דער לופטען, ער האָט ניט קיין אַנלעהנונגספונקט. לערנען, לערנען, נאָר לערנען מוז מען, ביז מען הויבט אָן פיהלען אונטער די פיס אַ פעסטען באָדען. אין אַלע זיינע בריעף האָט ער אפילו איין מאָל ניט דערמאָנט דעם סאָציאַליזמוס. הפּנים ער האָט גאָר ניט געטרוימט פון דעם אַז ער וועט אַמאָל זיין דער

וויכטיגסטער פאקטאָר אין אריינברענגען דעם סאָציאַליזמוס אין אַמעריקאַ. אבער ווער קען זאָגען אז ער האָט שוין דאן ניט געטרוימט פון זיין גרויסער צוקונפט? אָט שרייבט ער אין איין בריעף:

„עס איז שווער צו געפינען אזא בעל חלומות ווי איך. איך קען זיך ניט ערא‌ינערן אז איך האָב אמאָל געהאט א פּעריאָד אין לעבען אין וועלכען איך האָב ניט געחלומ'ט. איך האָב אָנגעפאַנגען צו חלומ'ען נאָך אין די וויקעלעך. און וואָס פאר א חלומות! איך געדענק מיינע חלומות פון דעם אַלטער פון 6 ביז 7 יאהר, וואָס פאר א פאַנטאַזיעס! און איך חלום נאָך ביז היינט."

אין אַנאַנדער בריעף שרייבט ער, אַז זיין פעהיגקייט צום שטרענגען אַנאַליזירען פון פערשיעדענע געדאַנקען האָט ער צו פערדאַנקען זיין פאָטער און דעם שטודיום פון תלמוד.

צוויי מאָמענטען זיינען געווען די גליקליכסטע אין זיין לעבען. דער ערשטער ווען ער האָט זיך בעפרייט פון אַלע רעליגיעזע אבער־גלויבען, און דער צווייטער ווען ער האָט אריינגעטרעטען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אַמעריקאַ געפעלט איהם ניט, אבער גאָר ניט, דאָ ווערט מען פערגרעבט, מען פערליערט אַלע אידעאַלען. וואָס איז געוואָרען פון אַלע רוסישע אינטעליגענטען, שרייט ער אויס מיט הארצ־וועהטאָג אין איינעם פון זיינע בריעף, קוק זיי אָן די פּאַרשוינען! ער רייסט זיך צו פאָהרען אָדער צוריק נאָך רוסלאַנד, און אויב דאָס וועט איהם ניט געלינגען, טאָ כאָטש אין ציריך, זשענעוואַ אָדער בערלין. דאָ אין אַמעריקאַ איז גאָר קיין לעבען ניט. דאָרט אין איירָאָפאַ הערשט ברידערליכקייט, געזעלשאַפטליכע סאָלידאַרי־טעט, מענשליכקייט, אידעאַלען. שטודירען מעדיצין גלייכט ער בכלל וכלל ניט. מעדיצין איז א „רעמעסלאָ", עס קען זעהר זיין אַז ער וועט שטודירען אינזשענער. אַלע אוניווערזיטעטען אין אַמע־ריקאַ טויגען אין דער ערד, מען לערנט ניט גרינדליך, עס איז ניטאָ קיין פרייהייט. ער וואָלט געוועהן א בעלן פּרובירען קאָרנעל אוני־ווערזיטעט (אין איטהאקא). דאָרט שיינט איהם לערנט מען ווי גאָט האָט געהייסען — עהרליך, גרינדליך און פריי. צום עקזאַמען, פערשטעהט זיך, איז ער שוין לאַנג פאַרטיג. שפּעטער האָט ער גאָר אין גאַנצען אויפגעגעבען די אידעע פון שטודירען אין אַן אוני־

ווערזיטעט. ער וויל זיין פאלקאמען פריי — ער וויל לערנען וואס ער וויל, ווען ער וויל און וויפיעל ער וויל.

געערדט האבען מיר צווישען זיך געמישט האלב רוסיש און האלב אידיש. אבער אונזער קארעספאנדענץ האבען מיר געפיהרט אין רוסיש ביז ענדע פון דעם יאהר 1884, ווען ער האט געענדיגט א בריעף מיט די ווערטער: „אום ניט צו פערליערען צייט וועל איך דיר פון יעצט אן שרייבען אין ענגליש“. עס ווארפען זיך דורך אין זיינע בריעף העברעאישע ווערטער און ציטאטען פון ביבעל און תלמוד, אבער א זשארגאנישער ווארט איז ניטא אפילו אויף א רפואה. איך האב געגלויבט באמונה שלימה אז קאהאן קען קיין צוויי ניט צעהלען אין אידיש. ווען די פובלישער פון דער ערשטער פראיעקטירטער ראדיקאלער צייטונג, די פאלקסצייטונג, די הערען ברוקס און קאנטאר האבען מיך אנגעפרעגט וועמען זיי זאלען אנגאזשירען אלס רעדאקטאר, און האבען דערמאנט אייניגע נעמען, צווישען זיי אויך קאהאן'ס, האב איך זיך אפילו ניט פערטראכט אויף א מינוט און האב תיכף ומיד געענטפערט בזה הלשון: קאהאן אודאי ניט, ער קען ניט קיין זשארגאן.

פון די פיעלפאכע טהעטיגקייט פון אב. קאהאן אויף פער־שיעדענע געביעטען, דארף איך ניט רעדען. איך בין זיכער, אז אנדערע און פעהיגערע וועלען עס טהון בעסער און גרינדליכער. איך האב דא געוואלט נור ארויסברענגען אייניגע כאראקטער־שטריכען פון דעם פארבערייטונגס־פעריאד פון זיין לעבען.

זיין שטרעבונג איז אימער געווען צו זיין שטרענג־קריטיש צו זיך אליין, צו זיין אבסאלוט עהרליך און צו פערגרעסערען און פערברייטערן דעם אוצר פון זיינע קענטניסע.

מזל טוב דיר, קאהאן, צו דיין פופציגסטען געבורטסטאג! מיר זאלען דערלעבען בעגריסען דיך צו דיין פינף־און זיעבציגסטען יובילעאום, און אויף מעהר וועלען מיר ווייטער בעטען.

דענווער, קאלא., יולי, 1910.

די ערשטע צעהן יאָהר.

עראינערונגען פון די ערשטע גרויסע רוסיש־אידישע אימיגראַציאָן פון 1882 און איהר פערהעלטניס צו די אַרבייטער־בעוועגונג אין אַמעריקאַ. מיט בעזאָנדערע ריקזיכט אויף דעם אַנטהייל פון גענ. אב. קאַהאַן.

פון ב. וויינשטיין

צום פופציג יעהריגען יובילעאום פון מיין געשעצטען פריינד און גענאָסע אב. קאַהאַן, וויל איך בייטראָגען איניגע פון מיינע פערזענליכע עראינערונגען וועגען דער גרינדונג פון דער אידישער אַרבייטער־בעוועגונג אין אַמעריקאַ.

גראָדע האָב איך געהאַט דאָס גליק זיך צו בעקענען מיט גענ. קאַהאַנען דעם ערשטען מאָנאַט פון אונזער אָנקומען אין ניו יאָרק. דאָס איז געווען אין מאָנאַט יוני 1882.

עס האָט ניט גענומען זעהר לאַנג ביז איך בין אריינגעטרעטען אין דער ארבייטער־בעוועגונג, אין וועלכער מיר ביידע געפינען זיך נאָך עד היום.

איך קען זאָגען דאָס די ערשטע גרינדליכע ערקלערונגען „וואָס איז סאָציאַליזמוס" האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו הערען פון גענאָסע קאַהאַן'ס מויל אין דזשולייי מאָנאַט פון דעם יאהר 1882. ווען איך בין געזעסען צוזאַמען מיט גענאָסע קאַהאַן אין סעלער פון מיסטער שטאַכעלבערג'ס סיגאַר פעקטאָרי, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אויף דער סוויט־פיפטה עווענ‍יו, (היינט וועסט בראָדוויי), צווישען ברום און ספּרינג סטריט. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָהר זעכצעהן.

גענאָסע קאַהאַן איז געווען עלטער פון מיר. מיר האָבען דאַן געאַרבייט ביי סטריפּען טאַבאַק, דאָס הייסט, ציהען קאָרענעס פון טאַבאַק־בלעטער.

די קלוגע, בעלעהרענדע רייד פון גענאָסע קאַהאַן האָבען מיך דאַן אזוי שטאַרק פעראינטערעסירט, דאָס איך האָב גלייך געדורשט

זיך געהענטער צו בעקענען מיט די אידעען פון סאָציאַליזמוס, וועלכער האָט אזא קראפט צו בעצויבערן הערצער.

איך וויל דאָ דערצעהלען פאַקטען און סצענעס פון פּאַסירונגען וועלכע איך האָב פּערזענליך בייגעוואָהנט און האָב זיי אַליין מיט־געמאַכט אין די פיעלע יאָהרען זייט מיין קומען אהער.

די אידישע ארבייטער־בעוועגונג איז אין אַמעריקא ניט אַליין פון זיך ענטשטאַנען. דיזע בעוועגונג איז געגרינדעט און ענטוויקעלט געוואָרען דורך אונערמיעדליכע ארבייט פון זעהר פיעלע פּערזאָנען. אייניגע האָבען געארבייט אַ לענגערע און פיעלע אַ קורצערע צייט.

פון יענע ערשטע מאסען טהוער, וועלכע האָבען שווער גע־ארבייט אויפצובויען און צו ענטוויקלען די אידישע ארבייטער־בעוועגונג, זיינען פערבליעבען בלויז אייניגע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דיזער בעוועגונג די גאַנצע צייט, פון איהר ערשטער גרינדונג אָן און שטעהען נאָך עד היום. מען קען זיי אויסרעכענען אויף די פינגער, און גענאָסע קאהאן איז דער וויכ־טיגסטער פון זיי.

גענאָסע קאהאן איז געווען דער ערשטער וואָס האָט מיט 28 יאהר צוריק געפאָדערט מען זאָל פּראָפּאַגאַנדירען צו די אידישע מאסען דעם סאָציאַליזמוס אויף אונזער מאַמע־לשון. ער איז אויך געווען דער יעניגער, וועלכער האָט געהאַלטען דאָ אין אַמעריקאַ די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע אין אידיש. און ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאָלפען אידישע ארבייטער גרינדען אַ יוניאָן.

גענאָסע קאהאן האָט פון דער ערשטער מינוט אָן אַגיטירט פאַר אַן ארבייטער־צייטונג, זיין אַגיטאַציאָן האָט געהאַט אַן ערפאָלג. ער אַליין האָט מיטגעהאָלפען ארויפצוארבייטען די „ארבייטער צייטונג“ און דערנאָך דעם „פאָרווערטס“, וועלכע איז איצט די גרעסטע אידישע צייטונג אין דער וועלט.

ערשטער קאַפּיטעל.

די אימיגראַציאָן פון רוסישע אידען אין אַמעריקא אין 1882.

דער אָנפאַנג פון דער גרינדונג פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג אין אַמעריקא איז געווען אין יאָהר 1882, גלייך נאָך די פּאָגראָמען אין זיד־רוסלאַנד, אין די שטעדט קיעוו, אָדעס און

באלטא. אין יענעם יאָהר איז די עמיגראציאָן פון רוסישע אידען נאָך אמעריקא געווען זעהר שטארק. אין די יאָהרען 1881 און 1882 זיינען אָנגעקומען אהער מעהר אידישע עמיגראנטען, ווי בעפאָר פאר גאנצע צוואנציג יאָהר.

צו יענער צייט האָבען אין ניו יאָרק אליין געוואָהנט מעהר אידען ווי אין גאנצען לאנד. די גרעסטע צאָהל אידען זיינען דאָ דאן געווען דייטשע, פּאָרטוגעזישע, האלענדישע און א היבשע צאָהל פּוילישע. עס זיינען דאן דאָ געווען מעהר אונגארישע און גאליציא־נער, ווי רוסישע אידען. אידען פון רוסלאנד פלעגען צו יענער צייט אהער נור קומען פון דער ליטא און פון פּוילען. זיד־רוסישע אידען זיינען אין אמעריקא געווען א זעלטענהייט, דערפאר אָבער האָט די עמיגראציאָן פון ענדע 1881 און יאָהר 1882 געבראכט אהער די גרעסטע צאָהל אידען פון זיד־רוסלאנד.

פון די צעהנער־טויזענדע אידישע עמיגראנטען וועלכע זיינען אהער געקומען אין יענעם יאָהר, זיינען זעהר א קליינע צאָהל געווען בעל־מלאכות. צווישען דער גרויסער צאָהל פון יענע עמיגראנטען זיינען געווען אויך יונגע מענשען, געבילדעטע סטודענטען און גימנאזיסטען, וועלכע זיינען אהער געפאָהרען צו געניסען די אמעריקאנער פרייהייט. די גרויסע צאָהל אָבער פון יענע עמיגראנ־טען זיינען געווען קליינע קרעמערס, מעקלערס, היימישע קאנטאָר־טשיקעס און גלאט מענשען וועלכע האָבען קיינמאל ניט געארבייט ביי א טרייד. דיזע מאסע מענשען, אויסער די אינטעליגענטען, האָבען ניט געוואוסט פון קיין סאָציאליזמוס און קיין ארבייטער־בעוועגונג.

אייניגע פון זיי האָבען געהאט א הייליגען וואונש צו גרינדען דאָ פאר אידען קאָלאָניעס צו בעארבייטען די ערד און צו זיין פריי. די אידעאליסטישע יונגע מענשען האָבען ערוואַרט צו גרינדען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

דער געשריי פון די פּאָגראָמשטשיקעס איז געווען, אז אידען זיינען עקספּלאָאטאטאָרס, שענקערס, און זיי ווילען איבערהויפּט ניט טהון קיין עהרליכע ארבייט, דעריבער איז דער אידעאל פון דער דאמאלסדיגער רוסיש־אידישער יוגענד געווען צו פאָהרען אין אמעריקא און דאָרטען צו בעארבייטען די ערד.

ווי עס איז בעוואוסט, איז די עמיגראציאָן פון יאהר 1882

געריכטעט און געפיהרט געוואָרען פון דעם „אלליאנס איזראעליט" אונטער די פיהרערשאפט פון הערר אַליפאַנט.

ברענטשעס פון דעם אַליאַנס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אַלע שטעדט פון פיעלע לענדער, ווי עסטרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקאַ. צו דיזען אַליאַנס האָבען בעלאַנגט די רייכסטע אידען פון די אַלע לענדער, וועלכע האָבען פיעל געגעבען אום צו העלפען די רוסישע אידען צו עמיגרירען קיין אַמעריקאַ. די הויפּט־ביוראָ פאַר עמיגראַנטען האָט מען ערעפענט אין עסטרייך, ביים רוסישען גרענעץ. די שטאָדט בראָדי איז בעשטימט געוואָרען אַלס ערשטע סטאַציאָן פון וואַנען מען זאָל שיקען אַלע עמיגראַנטען נאָך האַמבורג, און פון דאָרט דירעקט נאָך ניו יאָרק.

עס זיינען דאַן אין עסטרייך, און זאָגאַר אין רוסלאַנד, געגרינדעט געוואָרען פּאַרטיעס אום צו פאָהרען נאָך אַמעריקאַ און גרינדען איינענע קאָלאָניעס.

צו דיזע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַלע יונגע מענשען, מענער און פרויען, מיט פּרינציפּען און אידעאַלען. די מייסטע פון זיי זיינען געוועזען אַזעלכע, וועלכע האָבען דירעקט אַנטהייל גענומען אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, און פיעלע פון זיי זיינען געוועזען סימפּאַטייזערס פון דיזער בעוועגונג.

פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס איז דער „עם עולם" געוועזען די וויכטיגסטע פעראייניגונג פון אַזוינע יונגע מענשען. צום „עם עולם" האָט בעלאַנגט די אינטעליגענטסטע יוגענד. דער צוועק פון דעם „עם עולם" איז געוועזען צו גרינדען אין אַמעריקאַ קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. צום „עם עולם" זיינען צוגעשטאַנען יונגע גימנאַזיסטען און גימנאַזיסטקעס, סטודענטען און סטודענטקעס פון אוניווערזי־טעט, אייניגע פון זיי קינדער פון זעהר רייכע עלטערן.

אין גאַנצען זיינען געווען דריי פּאַרטיעס פון „עם עולם", פון קיעוו, אָדעס און באַלטאַ.

גענאָסע אב. קאַהאַן האָט זיך דאַן גראָדע געראַטעט פון די נעגעל פון די רוסישע זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָט איהם פערפאָלגט פאַר אַנטהייל נעהמען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. קומענדיג אין אויסלאַנד, איז ער צוגעשטאַנען צו דעם „עם עולם", ווייל ער האָט גערעכענט אַז דיזע אָרגאַניזאַציע וועט גרינדען אין אַמעריקאַ קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

אַלע דיזע עמיגראַנטען, אריבערקומענדיג אַהער, נאָך פיעלע

ליידען און צרות וועלכע זיי האָבען געהאט אויסצושטעהען אין וועג, זיינען דאָ שטארק ענטמוטישט געוואָרען. ווייל דער היגער קאָמיטעט פון „אליאנס איזראעליט" האט קיין זאך ניט אָנגעגרייט פאַר די נייע מענשען. פון קאָלאָניעס איז דאן קיין שפור ניט געווען. די אַלע גרינע אָנגעקומענע, ניט האָבענדיג דאָ קיין אייגענע, האָבען ניט געהאט אפילו וואו זייער קאָפּ אוועקצולעגען. דער קאָמיטעט פון אליאנס האט גאר די ערשטע פאַמיליען ווי־עס־איז בעזאָרגט מיט ביליגע האָטעלען. ווען עס האָבען אָבער גענומען קומען גאנצע שיפען פול מיט אידישע אימיגראַנטען, האָבען זיי ניט געהאט וואו־הין צו געהן. עס איז געווען זומער־צייט, זיינען פיעלע פון זיי געבליבען שלאָפען אין קעסעל־גאַרדען (דאָס איז דער פּלאַץ אין בעטערי פּאַרק, וואו עס געפינט זיך איצט דער אַקוואריום). דאָרט איז דאָ אַ גרויסער רונדער פּלאַץ, און דער יארד אַרום קעסעל־גאַרדען איז געווען אייניגע מייל גרויס. דאָרטען זיינען פערבליבען פיעלע פאַמיליען, וועלכע האָבען אין יענעם גרויסען יארד אויפ־געשטעלט פּאַלאַטקעס, און די איבריגע, וועלכע האָבען קיינע פּאַלאַטקעס ניט געקראָגען, פּלעגען שלאָפען דאָרטען אויף דער הוילער ערד.

דער קאָמיטעט פון „אליאנס איזראעליט" אין ניו יאָרק איז בעשטאַנען פון די אידישע פאַבריקאַנטען, דייטשע און פוילישע אידען, וועלכע האָבען געוואָלט טהון צדקה און דערביי האָבען זיי געזוכט פאַר זייערע פעקטאָרים אויפצוקלייבען ביליגע ארבייטער.

צווישען די ניו יאָרקער אידישע קאָמיטע־לייט האָבען זיך געפונען פאַבריקאַנטען פון בלעך, פון העמדער, פון קליידער, פון טאַבאַק, פון סיגאַרען און פון נאָך אַנדערע טריידס.

אין דיזע פאַבריקען האָט מען בעזאָרגט אַ מאַסע פון יענע אימיגראַנטען מיט פּלעצער צו דער אַרבייט. אנשטאט אין אַ קאָמוני־סטישע קאָלאָניע איז מען מגולגל געוואָרען אין אַ סיגאַר־פעקטאָרי, צו ציהען די קאָרענעס פון טאַבאַק אָדער אין אַ בלעך־פעקטאָרי, צו טראָגען בלעך. וויידזשעס האָט מען געצאָהלט פון דריי ביז פיער דאָלאַר אַ וואָך. אַזוי ווי די צאָהל פון די אימיגראַנטען איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, האָט מען דאַן געדאַרפט האָבען אַ גרויסען „שאָו" צו קריגען אַ דזשאָב.

עס האָט גענומען זעהר אַ לאַנגע צייט, כמעט ביז ענדע זומער, ביז אַלע אימיגראַנטען, די איינוואוינער פון קעסעל־גאַרדען,

האבען בעקומען ארבייט און האבען געהאט א טשאנס ארייננצומופען אין עסעקס און לודלאוו סטריט ארום קאנעל און ברום סטריט, — די סטריטען וועלכע האבען זיך דאמאלס גערעכענט פאר דעם אידישען קווארטאל. ביז זיי האבען געקראגען ארבייט פלעגען די אימיגראנטען בעקומען פון קאמיטעט טיקעטס פאר פרייע מאהלצייטען, וועלכע פלעגען בעשטעהען פון א טרוקען שטיקעל ברויט מיט פוילע ווארשט. דאס פלעגט מען זיי געבען צוויי מאל אין טאג. עס פלעגט אבער זעהר שווער אנקומען צוצושלאגען זיך אום צו בעקומען טיקעטס פאר דיזע פרייע מאהלצייטען. עס פערשטעהט זיך דאס יענע אימיגראנטען זיינען מיט זייער שיקזאל אין דער נייער און פרייער מדינה ניט זעהר שטארק צופריעדען געווען.

צווייטער קאפיטעל.

די ערשטע סאציאליסטישע רעדעס אין רוסיש און אין מאמע-לשון געהאלטען אין ניו יארק אין יאהר 1882.

פיעלע פון די ערשטע דאמאלסדיגע אימיגראנטען וועלכע האבען שוין געוואהנט אין אונזער דאון-טאון, און אייניגע וועלכע האבען געוואהנט אין קעסעל-גארדען, האבען זיך נאכגעפרעגט און האבען זיך אינטערעסירט מיט דער סאציאליסטישער און אנארכיסטישער בעוועגונג. דעם ערשטען וויזיט האבען א גרופע סאציאליסטען אבגעשטאטעט דער „ניו יארקער דייטשער פאלקסצייטונג", די דאמאלסדיגע איינציגע טעגליכע סאציאליסטישע צייטונג. דער רעדאקטאר פון דיזער צייטונג איז געווען דער בעקאנטער סאציאליסט, דער רוסע סערגעי שעוויטש, וועלכער האט פריינדליך בעגריסט די נייע רוסישע געסט, און האט זיי פערשפראכען צו קומען רעדען ווען זיי וועלען רופען א מיטינג.

דעם ערשטען סאציאליסטישען מיטינג האבען די אידיש-רוסישע אימיגראנטען אבגעהאלטען אין ניו יארק דעם 27טען דזשולאי 1882. דאס איז געווען אין א דאנערשטאג אבענד אין גאלדען רול האל, 125 ריווינגטאן סטריט, ס'איז געווען א שרעקליך הייסער טאג. די היץ האט אבער ניט צוריקגעהאלטען די גרינע אנצופילען יענעם האל, וואו עס האבען געקענט ארייננקומען ביז פינף הונדערט מענשען. עס האט געהייסען פאר די מייסטע אנוועזענדע, צום ערשטען מאל צו האבען די זכיה צו געניסען דאס רעכט פון „פרייע רעדע". ביי

דיזען מיטינג זיינען געווען אויסער די יונגע גענאָסען און גענאָסינען, אויך אייניגע עלטערע מענשען און אזעלכע וועלכע זיינען שוין געווען דאָ אין ניו יאָרק א לענגערע צייט, און וועלכע האָבען ניט פערשטאַנען די רוסישע שפראַך.

דער טשערמאַן פון יענעם מיטינג איז געווען א געוויסער מוראַוויטש, א סטודענט פון פעטערסבורג, וועלכער איז געווען אַנאַרכיסטיש געזאָנען. ער האָט ערעפענט דעם מיטינג אין דער רוסישער שפראַך און האָט ערקלערט, דאָס די טהעמאַ פון היינטיגען מיטינג איז וועגען „די לעצטע פאָגראָמען אין רוסלאַנד און וועגען סאָציאַליזמוס". אַלס ערשטען רעדנער האָט ער פאָרגעשטעלט גענאָסע סערגעי שעוויטש, וועלכער איז פון אַלע אַנוועזענדע זעהר וואַרם בעגריסט געוואָרען. ער האָט געהאַלטען זיין רעדע אין רוסיש, און די רעדע האָט אַלעמען שטאַרק פעראינטערעסירט.

גענאָסע שעוויטש איז געווען איינער פון די גלענצענדסטע רעדנער און לעקטשורער אין אַמעריקאַ. ער פלעגט האַלטען רעדעס אין ענגליש, דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש און אויך איטאַליעניש. זיינע רעדעס פלעגען אימער מאַכען די גרעסטע ווירקונג. ער און גענאָסע אַלעקסאַנדער יאָנאַס זיינען געווען דאַן די פיהרער און הויפט־רעדנער פון דער דאַמאַלסדיגער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פאַרטיי. נאָך גענאָסע שעוויטש'ן האָבען גערעדט צוויי אַנאַרכי־כיסטישע גענאָסען, נעלקע און וויים,ביידע האָבען גערעדט אין דער דייטשער שפראַך. נאָך דעם ווי דיזע רעדנער האָבען געענדיגט, האָט מען געהייסען שטעלען פראַגען און דעבאַטירען.

עס איז אַוועק עטליכע מינוטען און קיינער האָט קיין וואָרט ניט געבעטען. נאָר אין די בעק פון האָלל האָט עפּעס איינער יאָ אויפגעהויבען די האַנד. דאָס האָט געבעטען דאָס וואָרט א יונגער־מאַנטשיק מיט א דאַרען, בלאַסען פּנים. קיינער פון די אַנוועזענדע, א חוץ זיינע לאַנדסלייט, האָבען איהם ניט געקענט. ווען דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען מאַכען א וועג צו דער פּלאַטפאָרמע, האָבען אייניגע פון פּובליקום בעמערקט איראָניש: „וועד ווייסט וואָס דער אינגעל וועט אונז דאָ דערצעהלען?"

ווי איבערראַשט אַלע אַנוועזענדע זיינען געוואָרען ווען זיי האָבען דערהערט דעם יונגענמאַנס רעדע. די קלאָרע קלינגענדיגע שטימע און די ארגומענטען וועלכע דער יונגער רעדנער האָט געגעבען פאַר'ן סאָציאַליזמוס, אויך אין דער רוסישער שפּראַך,

האָבען פעראינטערעסירט אַלעמען און זיי האָבען אויסגעהערט זיין רעדע מיט גרויס אינטערעס. ווען ער האָט געענדיגט, האָט דער עולם בעגייסטערט אַפּלאָדירט. אַלע האָבען זיך פעראינטערעסירט מיט'ן יונגענמאַן, ארום איהם האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ גאַנצער רעדעל.

דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אונזער גענאָסע אב. קאהאַן.

ווענדענדיג זיך צו מיראָוויטשען, דעם טשערמאַן פון מיטינג, וועלכער איז אויך געשטאַנען אין רעדעל, האָט גענ. קאהאַן בעמערקט, אַז די רוסישע לעקטשורס קענען קיין גרויסען ווערטה ניט האָבען, ווייל די ברייטע אידישע מאַסען פערשטעהען דאָך ניט קיין רוסיש. עס וואָלט דארום ווינשענסווערטה געווען, אַז די פּראָפּאַגאַנדאַ זאָל אָנגעפיהרט ווערען אין פּליין אידיש, אויף מאַמע־לשון. די אינ־טעליגענטען האָבען זיך שיער ניט צולאַכט פון אַזאַ מאָדנעם פאָר־שלאַג: „גאָר אין אידיש צו פּראָפּאַגאַנדירען".

— וואו וועט איהר נעהמען פּראָפּאַגאַנדיסטען אין אידיש? — פרעגט מיראָוויטש — וואָלט איהר זיך אָנגענומען צו לעקטשורען אין אידיש? — האָט ער געפרעגט גענאָסע קאהאַן.

גענאָסע קאהאַן האָט זיך אָנגענומען.

די צווייטע פערזאַמלונג פון דעם פּראָפּאַגאַנדאַ פעראיין, אויף וועלכער גענאָסע קאהאַן האָט געדאַרפט האַלטען אַ פּאָרטראַג אין אידיש, איז אָבגעהאַלטען געוואָרען מיט אַ וואָך שפּעטער, נעמליך: דאָנערשטאג דעם 3טען אויגוסט, אין 425 איסט 6טע סטריט, אין יענעם האָל, וואו די אַנארכיסטען פלעגען זיך דאַן פערזאַמלען ביי זייערען אַ גענאָסע מיט'ן נאָמען וואָיטיטשעק. דיזע פערזאַמלונג, כאָטש זי איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַזוי ווייט פון דעם אידישען געגענד, איז געווען נאָך שטאַרקער בעזוכט ווי דער ערשטער מיטינג.

מיט גרויס אינטערעס האָבען אַלע אַנוועזענדע זיך צוגעהערט צו דער מאַמע־לשון־רעדע פון דעם יונגען גענאָסע קאהאַן, וועלכער האָט ערקלערט קאַרל מאַרקס לעהרע אין פּליין אידיש. ער האָט אויך גערעדט וועגען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע העלדען ווי פּעראָווס־קאַיאַ, זשעליאַבאָוו, רוסאַקאָוו, קיבאַלטשיטש און אַנדערע, וואָס די ערָאינערונגען וועגען זיי און זייערע העלדישע טהאַטען זיינען געווען פריש אין די געדעכטניסע פון אַלע רוסישע אימיגראַנ־טען. עס איז געווען בלויז איין יאָהר צייט, זייט עס איז געשעהען

דער מערקווירדיגער אטענטאט אויף אלעקסאנדער דעם צווייטען, וועלכען די רעוואָלוציאָנערען האָבען אוועקגעשיקט צו זיינע זיידעס אויף יענער וועלט.

די רעדע פון גענ. קאהאן האָט ביי אלע זיינע צוהערער אָנ־געצונדען א פלאַקער פון בעגייסטערונג. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון גענאָסע אב. קאהאן'ס פּאָפּולאַריטעט, וואָס וואַקסט עד היום.

אויף יענעם מיטינג איז געמאַכט געוואָרען א קאָלעקשאָן פאַר גענאָסע קאהאן'ס א קעמעראַד, וועלכער איז פערשיקט געוואָרען קיין סיביר און זיין מוטער האָט פאַר צרות געקראָגען אַפּאָפּלעקסיע און איז געשטאָרבען.

די קאָלעקשאָן האָט אריינגעבראַכט א שעהנע פּאַר דאָלאַר אוועק־צושיקען נאָך סיביר. איך קען נאָך עד היום ניט פערגעסען די פריידע מיינע, וואָס איך האָב געהאַט פון דיזען ערפאָלגרייכען מיטינג, ווייל איך בין געווען איינער פון די וועלכע האָבען אויס־געטראָגען די הענדבילס צווישען די רוסישע אימיגראַנטען. איך געדענק עס נאָך ווי היינט. אין אבענד, ווען איך בין ארויס פון דער סיגאַר־פעקטאָרי, וואו איך האָב געארבייט, האָב איך ביים טהיר געטראָפען גענאָסע קאהאן, וועלכער האָט שוין אין דיזען שאַפּ ניט מעהר געארבייט. ער איז שוין דאַן געווען א לעהרער פון רוסישע אימיגראַנטען אין דער ענגלישער שפּראַך, וועלכע ער האָט פאַר זיי פערטייטשט אויף מאַמע־לשון. די סקול, וואו ער איז געווען לעהרער, איז דער פּיוו פּאָינט הויז, וועלכע געפינט זיך אויף וואָירט סטריט. גענאָסע קאהאן האָט מיך איינגעלאַדען אויסצו־טראָגען די הענדבילס צו א מיטינג, איך האָב גלייך איינגעווילינגט און בין מיט איהם אוועק צו א פּרינטער, מר. קאַטענען, וועלכער האַלט נאָך עד היום א פּרינטינג אויף דיוויזישען סטריט.

דער נעקסטער מיטינג פון דעם פּראָפּאַגאַנדא פעראיין איז אָב־געהאַלטען געוואָרען אין סאָפאָלק סטריט, הינטער א סאַלון, צווישען ברום אין דעלענסי סטריט. אויף אלע דיזע מיטינגען פון דעם פּראָפּאַגאַנדא פעראיין האָט גענאָסע קאהאן גערעדט אין אידיש. עס איז דאַן אויפגענומען געוואָרען א פּלאַן צו זאַמלען געלד אום ארויסצוגעבען א וועכענטליכע צייטונג. צום פעראיין זיינען שוין דאַן געווען צוגעשטאַנען פיעלע מעמבערס אידען ניט פון רוסלאַנד. א געוויסער ליוואַי, א פּאָרטוגעזישער איד, וועלכער פלעגט בעזוכען

דיזע מיטינגען, האָט בייגעשטייערט 10 דאָל. צו גונסטען דער ארויס־גאַבע פון אַ צייטונג. אַ געוויסער גענאָסע שווארץ, אַ אונגארישער איד, איז דאַן ערוועהלט געוואָרען אלס טרעזשורער. נאָך אַ טהעטי־גער מעמבער פון יענעם פּראָפּאַגאַנדאַ פעראיין איז געווען אַ גענאָסע מאַיאָווער, אַ גאַליציאַנער איד, אַ קלאָוקמאַכער. דיזער גענאָסע איז נאָכהער אַ לאַנגע צייט געווען טהעטיג אין דער אידישער סעקציאָן פון דער ס. ל. פּ., ווי אויך אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

דיזער פּראָפּאַגאַנדאַ־פעראיין האָט עקזיסטירט בלויז אַ קורצע צייט. דאַן האָט זיך געגרינדעט דער „רוסקי ראַבאָטשי סאָיוז". איינער פון די גרינדער איז געווען גענאָסע נ. אַלייניקאָוו. די פּלאַטפאָרמע פון יענעם פעראיין איז געווען פאַר זעלבסטבילדונג און פאַר גריינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע שעפּער. צו דיזען פעראיין האָבען בעלאַנגט שוין מעהרערע פון די זאָגענאַנטע אריסטאָקראַטי־שע אימיגראַנטען. דיזער פעראיין פלעגט האַלטען יעדען זונטאַג בייטאָג לעקטשורס איבער פערשיעדענע פראַגען אין רוסיש. יענע מיטינגען פלעגען געהאַלטען ווערען אין 206 איסט בראָדוויי אין די הויז פון די „היברו יאַנג מענס אַסאָסיאיישען" פון די רייכע יהודים, וועלכע האָבען נאַכהער אויסגעבויט דעם „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס" אויף איסט בראָדוויי קאָרנער דזשעפערסאָן סטריט.

מיט דיזען רוסישען פעראיין זיינען פיעלע סאָציאַליסטען ניט געווען איינפערשטאַנען. האָבען זיי געגרינדעט אַ נייעם פעראיין, וועלכער האָט זיך גערופען „רוסיש־אידישער ארבייטער פעראיין". איינער פון די הויפּט־רעדנער ביי יענעם פעראיין איז געווען אויך גענאָסע קאַהאַן, וועלכער פלעגט דאָרט האַלטען סאָציאַליסטישע לעקטשורס אין אידיש. אַלע איבריגע רעדנער פלעגען אין דיזען פעראיין זיין דייטשע גענאָסען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, אויך אייניגע אַנאַרכיסטען. דיזער פעראיין פלעגט אָב־האַלטען זיינע מיטינגען יעדען שבת אבענד אין 68½ אָרטשאַרד סטריט. די טהעטיגסטע מעמבערס פון יענעם פעראיין זיינען געווען די צוויי ברידער גרעטש און גענאָסע דאָקטאָר ראַיעווסקי. דיזער רוסיש־אידישער פעראיין האָט זיך נאַכהער פעראייניגט מיט אַן ארבייטער פעראיין פון אונגאַריש־אידישע סאָציאַליסטען און טרייד־יוניאָניסטען. פון דיזע צוויי פעראיינען איז ארויסגעקומען „דער אידישער ארבייטער פעראיין", וועלכער האָט געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין יענער צייט.

דיזער פעראיין פלעגט מייסטענס העלפען גרינדען אידישע יוניאָנס, ער האָט געשטעלט זיך די אויפגאַבע צו גרינדען אַן אייגענע „ארבייטער ציימונג“, און ער האָט שוין געהאַט אין זיין קאַסע געזאַמעלט איינינע הונדערט דאָלאַר.

גענאָסע קאַהאַן, זעהענדיג אַז די פּראָפּאַגאַנדאַ וואָס דער „רוסקי ראַבאָטשי סאָיוז“ האָט אָנגעפיהרט אין דער רוסישער שפּראַך איז געווען ניט סאָציאַליסטיש גענוג, האָט אויך געגרינדעט אַ נייעם רוסישען פעראיין אונטער דעם נאָמען „רוסישער לייבאָר לייסיאום“ וועלכער האָט געהאַלטען יעדען זונטאַג בייטאָג סאָציאַליסטישע לעקטשורס, אויך אין דער רוסישער שפּראַך.

אין יאָהר 1883 איז נאָך ניו יאָרק אריבערגעקומען וויליאַם פריי, צו יענער צייט אַ בעוואוסטער פּאָזיטיוויסט און וועגעטע־ריאַנער. פריי איז געווען אַ רוסישער, נור אַהער איז ער געקומען פון ענגלאַנד. ער איז געווען אַ טיכטיגער אגיטאַטאָר און רעדנער. און אַזוי ווי די מייסטע רוסישע סאָציאַליסטען זיינען געווען זעהר בעגייסטערטע מענשען, האָבען זיי זיך פעראינטערע־סירט מיט'ן דאָקטאָר פריי, מיט זיין פּאָזיטיוויזמוס און וועגעטאַ־ריאַניזמוס, און מאַסען רוסישע אינטעליגענטען האָבען אויפגעגעבען צו עסען פלייש און אַנדערע שפּייז וואָס קומט פון לעבעדיגע בעשעפעניסען. אַ יאָהר צייט האָט דורך דעם די פּראָ־פּאַגאַנדאַ פון סאָציאַליזמוס אביסעל אָבגעשטאַפּט. מיט דער צייט האָבען דאָקטאָר פריי'ס אידעען גענומען שוואַך ווערען ביי די יונגע רוסישע אינטעליגענטען, און זיי האָבען זיך ווידער אַ נעהם געטהאָן צו פּראָפּאַגאַנדירען סאָציאַליזמוס. גענאָסע אַב. קאַהאַן איז געווען אויך איינער פון דאָקטאָר פריי'ס אַנהענגער און ער האָט אַ געוויסע צייט אויך קיין פלייש ניט געגעסען.

דריטער קאַפּיטעל.

די ערשטע אידישע יוניאָנס.

צו פעראייניגען זיך אין טרייד־יוניאָנס האָבען די אידישע אימיגראַנטען זיך אויסגעלערנט אין אַמעריקאַ. צו יענער צייט, דאָס הייסט מיט אַ יאָהר 28 צוריק, האָט מען אין רוסלאַנד כמעט ניט געוואוסט פון טרייד־יוניאָנס. געווערקשאַפטען זיינען געווען פערבאָטען פון דער רוסישער רעגיערונג, גראַדע אַזוי ווי עס איז

געווען דארט פערבאטען צו בעלאנגען צו א געהיימע רעוואלוציאָנערע אָרגאניזאציאָן.

אין דער צייט פון דער גרויסער רוסיש-אידישער עמיגראציאָן פון 1882 האָט שוין אין גאנץ אַמעריקא, און הויפּטזעכליך אין ניו יאָרק עקזיסטירט א שטארקע היגע טרייד-יוניאָן בעוועגונג, אין וועלכער די איירישע און די דייטשע אימיגראנטען האָבען געשפּיעלט די גרעסטע ראָלע.

די שטארקסטע און די איינציגע גרויסע נאציאָנאלע טרייד-יוניאָן קערפּערשאפט איז דאן געווען די „נייטס אָוו לייבאָר". די פּראָגרעסיווע דייטשע יוניאָנס האָבען ניט געוואָלט וויסען פון דיזען געהיימען „אָרדען", וואָס האָט געהאט מאסען צערעמאָניעס, וועלכע פּראָגרעסיווע מענשען קענען ניט דולדען. די פיהרער פון די „נייטס אָוו לייבאָר" זיינען געווען קאָנסערוואטיוו, טראָצדעם וואָס זייער פּלאטפאָרם איז געווען געפארבט מיט סאָציאָליסטישע געדאנקען. גראדע אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרען די נייע נאציאָנאלע קערפּערשאפט „די אַמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר".

די גרעסטע צאָהל אידישע ארבייטער אין אַמעריקא זיינען פון דאן אָן בעשעפטיגט אין שניידער-פאך.

ביז די 80ער יאָהרען פלעגען די נייע-אריבערגעקומענע אידישע אימיגראנטען זיך בעשעפטיגען מייסטענס מיט פעדלעריי אין דער סיטי און אין די קאָנטרים. א היבשע צאָהל פון די דאמאלסדיגע קאָסטאָמער-פעדלערס האָבען פערדיענט פיעל געלד, איינינע פון זיי האָבען שוין דאן דאָ געהאט אייגענע טענעמענט-הייזער.

די גרעסטע צאָהל פון די דאמלסדיגע אידישע שניידער-ארבייטער, וועלכע די נייע אימיגראנטען האָבען געטראָפען, זיינען געווען אונגארישע און גאליציאַנער. אויך זיינען דאָ געווען אידישע שניידער פון רוסיש-פּוילען און ליטא. דאָך זיינען די גרעסטע צאָהל שניידער בעשטאנען פון ניט-אידען, נור פון דייטשען און איירישע, וועלכע פלעגען ארבייטען ביים בעסערען ליין ארבייט און האָבען אויך גוט פערדיענט. עס האָבען דאן שוין עקזיסטירט שניידער-יוניאָנס, אויך א קלאָוקמאכער יוניאָן, אלע אונטער די „נייטס אָוו לייבאָר". דאן איז געווען אין די „נייטס" א פּאאר בעזונדערע שניידער-לאָקאלס פון אידען, די פיהרערס פון וועלכע זיינען אויך

געוועזן אונגארישע און גאליציאנער אידען. עס זיינען צווישען יענע פיהרער געוועזן זאגאר סאציאליסטען. די גרעסטע צאהל פון זיי זיינען אבער געוועזן קאנסערוואטיווע ווי אויך פאליטישענס פון די דעמאקראטען און רעפובליקאנער.

די גרעסטע צאהל פון דעם נייעם עלעמענט פון די רוסישע עמיגראנטען וועלכע זיינען אהער געקומען אין 1882, האבען זיך אויך גענומען צו דער נעה־מאשין, ביי מענער קליידער, ביי קלאוקס, שוירטס, ראפערס און אלע אנדערע אבטהיילונגען פון מענער און פרויען קליידונג. געבילדעטע יונגע לייט, אפילו סטודענטען פון רוסישע אוניווערזיטעטען, האבען דא קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו ווערען שניידערס, מייסטע פון זיי זיינען געווארען שוירט־מייקערס, ווייל דיזען טרייד האבען זיי געקענט געפינען א מעגליכקייט צו ערלערנען און צו געפינען ארבייט פאר זייערע אונגעניטע הענד. א טהייל פון דיזע „מייקערס" זיינען מיט דער צייט געווארען דאקטוירים, לאיערס, דענטיסטען א. ז. וו.

אין 1884 זיינען געגרינדעט געווארען אייניגע אידישע יוניאנס, א שניידער־יוניאן איז געגרינדעט געווארען מוצאי יום כפור אין 165 איסט בראדוויי. די ארגאנייזערס פון דיזער יוניאן זיינען געוועזן אזוי פעראינטערעסירט אין זייער אויפגאבע, אז זיי זיינען געקומען אין האל ווען מען האט נאך געזאגט נעילה, און זיי האבען זיך קוים דערוואַרט ביז אלע אידען זאלען פערלאזען די שוהל. איך קען זיך ניט עראינערן דעם נאמען פון דעם טהעטיגסטען שניידער־ארבייטער, וועלכער האט אראנזשירט יענעם מיטינג, נור איין זאך געדענק איך, אז פון זיין אויסשפראכע האב איך געוואוסט אז ער איז א ווארשעווער. דער הויפט־רעדנער פון יענעם מיטינג איז געוועזן גענאסע אב. קאהאן, וועלכען די שניידער־ארבייטער, ווי אלע אנדערע ארבייטער פון די איבריגע טריידס, האבען זעהר גע־גליכען און געהאט צו איהם פיעל צוטרויען. די ערשטע צייט ביים ארגאניזירען פון די ארבייטער פלעגט זיין זעהר שווער צו געווינען זייער צוטרויען.

דיזער שניידער־מיטינג איז געוועזן די ערשטע מאסען־פערזאמלונג פאר א יוניאן, און די רעדעס וועלכע זיינען דארטען געהאלטען געווארען האבען ארויסגערופען פיעל בעגייסטערונג און געהאלפען צו גרינדען יענע שניידער־יוניאן.

אין יענעם יאהר איז אויך געגרינדעט געווארען א קלאוקמאכער

יוניאָן, וועלכע האָט זיך גערופען „אינדעפּענדענט", ווייל זיי זיינען דאַן געווען גרויסע פערדיענער... צו פערדיענען פערציג, פופציג דאָלאַר אַ וואָך אין סיזאָן האָט דאַן געהייסען קליינע ווייזשעס. אַזוי ווי אָבער עס זיינען צוגעקומען פיעלע נייע אַרבייטער אין טרייד, צו וועלכע די קאָנטראַקטאָרען האָבען געצאָהלט קליינע ווייזשעס, האָבען דאַן די קלאָוקמאַכער געגרינדעט אַ יוניאָן, און געוועהנליך איז גענאָסע קאהאַן געווען ביי זיי דער הויפּטרעדנער און ראַטהגעבער.

אין יאהר 1884 איז אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען דער אויבענדערמאָנטער „אידישער אַרבייטער פעראיין" מיט דעם צוועק צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם סאָציאַליזמוס. דער הויפּטצוועק פון יענעם פעראיין איז געווען אַרויסצוגעבען אַ אידישע אַרבייטער־צייטונג. צו דיזען פעראיין האָבען שוין בעלאַנגט רוסישע, אונגאַ־רישע און גאַליציאַנער אידען צוזאַמען. דיזער פעראיין האָט דאַן געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, אויסער די אַגיטאַציאָן וועלכע ער האָט אָנגעפיהרט פאַר'ן סאָציאַליזמוס, פלעגט דיזער פעראיין העלפען די דאַן־עקזיסטירענדע אידישע יוניאָנס. ער האָט אויך אַ גרויסען אַנטהייל גענומען אין דער מעכטיגער אַלגעמיינער טרייד־יוניאָן בעוועגונג פון יאהר 1886 פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג.

צווישען אַנדערע יוניאָנס האָט דיזער פעראיין אויך געגרינדעט די ערשטע שריפטזעצער יוניאָן. דער הויפּט־טהוער צו אָרגאַניזירען דיזע אַרבייטער, — וועלכע פלעגען דאַן פערדיענען 6 ביז 7 דאָלאַר אַ וואָך און אַרבייטען פלעגען זיי 12 און 14 שטונדען אין מעת־לעת — איז אויך געווען גענאָסע קאהאַן, וועלכער האָט דאַן זיי געהאָלפען אָנפיהרען זייער ערשטען סטרייק ביי מיסטער שרהזאָהן פון די „אידישע גאַזעטען", און צוליעב דעם האָט גענאָסע קאהאַן אָנגע־וואָהרען זיין שטעלע אַלס לעהרער פון ענגליש אין אַ שולע וועלכע איז אויפגעהאַלטען געוואָרען פון אָרטהאָדאָקסען.

דיזער „אידישער אַרבייטער פעראיין" האָט אויך גענומען אַ שטאַרקען אַנטהייל אין דער גרויסער „הענרי דזשאָרדזש בעוועגונג" וועלכע איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אין קעמפּיין פון יאהר 1886. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט דערזעלבער פעראיין אַנטהייל גענומען אין קעמפּיין פון דער „פּראָגרעסיוו לייבאָר פּאַרטי", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון דער ס. ל. פּ., נאָכדעם ווי די סאָציאַליסטען

זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון הענרי דזשאָרדזש „יונייטעד ליבאָר פּאַרטי“.

ליידער איז עס דעם „אידישען ארבייטער פעראיין“ ניט געלונגען דורכצופיהרען זיין הויפּט־ציעל צו גרינדען אן אייגענע אידישע אַרבייטער־צייטונג, עס האָט זיך ניט איינגעגעבען דערפאַר, וואָס אין זעלבען יאָהר, 1886, האָבען צוויי פּריוואט־פּערזאָנען ארויסגעגעבען א פּריוואט וועכענטליכע „ארבייטער צייטונג“ אונטער דעם נאָמען די „אידישע פּאָלקסצייטונג“. די רעדאקטערע פון יענער צייטונג זיינען געווען דר. מאָזעס מינץ, א חובב ציון, און דר. ברעסלאו, א סאָציאַלדעמאָקראַט.

דיזע צייטונג איז אונטערגעגאנגען אין יאהר 1889.

גענאָסע אב. קאהאן האָט צוזאַמען מיט דר. ראיעווסקי, אין מאָנאַט מאי פון יאָהר 1886, ארויסגעגעבען א וועכענטליכען ארבייטער בלאַט אונטער דעם נאָמען „די נייע צייט“. ליידער האָט דיזע צייטונג עקזיסטירט זעהר א קורצע צייט, ווייל די ארויסגעבער האָבען ניט געהאַט גענוג מאַטעריעלע מיטלען. דער אַרט שרייבען פון דיזער צייטונג, פליין מאַמע־לשון, איז אַלעמען געפעלען געוואָרען, ווייל די פריהעריגע אידישע צייטונגען האָבען אַלע געשריבען דייטשמעריש. די אַרטיקלען אין דער „נייער צייט“ זיינען געווען זעהר בעלעהרענד. וועגען סאָציאַליזמוס און מכח די נויטווענדיגקייט פון יוניאָנס זיינען דאָרטען געווען פלאַמענדע אַרטיקלען.

אין מאָנאַט דזשולאי פון 1887 איז דער „אידישער ארבייטער פעראיין“ אָפיציעל אויפגעלייזט געוואָרען צוליעב שטרייטיגקייטען פון זיינע מעמבערס, וועלכע האָבען זיך געטהיילט אויף צוויי פּאַרטייען — סאָציאַלדעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען.

מיט א פּאָאַר מאָנאַטען שפּעטער, ווי דיזער פעראיין האָט זיך אויפגעלייזט, האָבען די אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטען געגרינדעט די ברענטש „8“ פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, און די אידישע אַנאַרכיסטען האָבען געגרינדעט די גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט“.

דיזע גרופּע איז געווען צאָהלרייכער און טהעטיגער ווי די ברענטש 8 פון דער ס. ל. פּ. עס איז גראָדע דאַן פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטען, פון וועלכע מען האָט פינף אויפגעהאַנגען. צוליעב דעם האָבען זיך אין אידישען קוואַרטאַל געפונען א גרויסע צאָהל סימפּאַטייזערס פון די אַנאַרכיסטען. די

וועכענטליכע אגיטאציאָנס פערזאמלונגען פון די פּיאָנירע דער פרייהייט, וועלכע פלעגען דאַן געהאלטען ווערען אין 56 אָרטשארד סטריט, פלעגען בעזוכט ווערען פון א צוויי—דריי הונדערט פּערזאָן, מענער און פרויען. אויך האָבען די אידישע אנארכיסטען דאַן געהאט א מאַסע אידישע רעדנער, ווי ר. לואיס, דר. זאָלטאראָוו, מאַקס גירזשדאנסקי, מ. קאַטץ, ש. פּרענער, ש. יאנאָווסקי, צוויי גאָרדאָנס און נאָך אנדערע.

דער ברענטש „8" פון דער ס. ל. פּ. פלעגט אויך יעדען פריי־טאג צונאכט האלטען אגיטאציאָנס־מיטינגען אין 101 העסטער סטריט, וועלכע פלעגען שוואך בעזוכט ווערען. אידישע רעדנער האָבען די סאָציאַלדעמאָקראַטען געהאַט וועניג. גענ. אב. קאהאַן און דר. ברעסלאַו זיינען כמעט געווען די איינציגע רעדנער אין ניו יאָרק, און דאַן איז אויך אהער געקומען גענאָסע מ. זאמעטקין. מייסטענטהיילס פלעגען ביי ברענטש „8" רעדען דייטשע רעדנער פון דער פּאַרטיי. די אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען דאַן אָנגעפיהרט אַן אגיטאציאָן פאַר יוניאָנס און פאַר'ן פּאָליטישען קאַמפּף פון דער אַרבייטער־קלאַסע.

די אידישע אנארכיסטען איז דאמאלס געלונגען די ערשטע ארויסצוגעבען אַן אייגענע וועכענטליכע צייטונג וועלכע האָט זיך גערופען „די ווארהייט". צו רעדאַקטירען די צייטונג האָבען זיי אראָבגעבראכט זייערען א גענאָסע, א מיטארבייטער פון לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד", י. יאַפּפע. דיעזע צייטונג אָבער האָט עקזיסטירט בלויז איינינע מאָנאַטען און איז אונטערגעגאַנגען אין ענדע פון יאהר 1888.

פיערטער קאפּיטעל.

דער ערשטער קעמפּיין פון די אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1888.

אין יאהר 1888 איז די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי צום ערשטען מאָל אויפגעטרעטען אַלס זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע פּארטיי אין ניו יאָרק.

ביז דאַן איז די פּארטיי אין ניו יאָרק געווען אָרגאַניזירט ניט נאָך דיסטריקט־אָרגאַניזאציאָנען, ווי עס פּאָדערט זיך פאַר א פּאָליטישע פּארטיי, נור אין ברענטשעס. די אידישע ברענטש

איז געווען די 8טע ברענטש. נאכדעם ווי די פארטיי האט אויף א קאנווענשאן בעשלאסען ארויסצושטעלען קאנדידאטען פאר סיטי מעיאר און אנדערע שטאדטישע עמטער ווי אויך פיר אסעמבלי־לייט און אלדערמען, האבען זיך די אידישע סאציאליסטען, וועלכע האבען דאן נור געוואהנט אין אונזער דאון טאון, אויך געדארפט פאליטיש ארגאניזירען אין אסעמבלי דיסטריקטען, א ברירה האבען די גענאסען געהאט. מען האט זיך צוזאמענגעלעגט צו קוואדער פון יעדען, און די גענאסען פון דער אידישער ברענטש ס.ל.פ. האבען זיך איינגעטהיילט אין צוויי דיסטריקטען, דאס הייסט, מען האט געהאלטען צוויי מיטינגען, איינעם אין 4טען דיסטריקט און איינעם אין 8טען דיסטריקט, צו מאכען נאמיניישאנס פאר לאקאלע קאנדי־דאטען. עס איז אונז אנגעקומען זעהר שווער ביז מיר האבען געקראגען גענאסען סיטיזענס, וועלכע האבען געמוזט דאן וואהנען אין דיסטריקט וואו זיי לויפען אלס אסעמבלי און אלדערמען קאנדי־דאטען.

עס האט זיך די גענאסען פון 8טען דיסטריקט אויף פערוועלט אבצוהאלטען אן אפען עער מיטינג, ווי די אנדערע פאליטישע פארטייען האבען עס געטהאן.

איך געדענק עס, פונקט ווי עס וואלט געווען היינט. דאס איז געווען אין א פרייטאג צונאכטס. א קאמיטע פון דער 8טער ברענטש, שוין מיט ביידע דיסטריקטען אריינגערעכענט, אלע קאנ־דידאטען אונזערע צוזאמען מיט אלע רעדנער האק־און־פאק מיט אביסעל דייטשע ליטעראטור וועלכע די פארטיי האט אונז געגעבען (צו דרוקען אידישעהאבען ניט די גענאסען און ניט די גאנצע פארטיי, זאל ניט אויסגערעדט זיין, קיין געלד ניט געהאט) — האבען אנ־געפאקט א וואגען, אויף וועלכען עס זיינען געהאנגען צוויי סיינס אין אידיש און אין ענגליש, וואו עס זיינען געווען אנגעשריבען די נעמען פון דער פארטיי און פון די קאנדידאטען. צוויי גענאסען זיינען געשטאנען אין ביידע זייטען און האבען געהאלטען אין זייערע הענד בלעכענע לעמפלעך צו בעלייכטען די פראצעסיאן.

דעם ערשטען סטאפ האבען מיר געמאכט אויף'ן קארנער העסטער און עלען סטריט אין סאמע „חזיר־מארק“.

— זייט איהר דער טשערמאן, — האט זיך צו מיר געווענדעט גענאסע ספעקטאר, אונזער דאמאלסדיגער קאנדידאט אויף אסעמבלי פון 4טען דיסטריקט פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי.

— אָל־רייט. — האָב איך זיך אָבגערופען, און האָב דאָביי גענומען שרייען אויף אַ הויכען קול: — בירגער און ארבייטער!

ווי איך האָב נור ארויסגערעדט דיזע צוויי ווערטער האָבען אַ פּאָאר חברה־לייט פון דער קופּקע מענשען, וועלכע האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום טראָק, גענומען שרייען: אהא, די ציציליסטען זיינען דאָ. איינינע אידען מיט בערד, וועלכע זיינען גראד ארויס אין גאַס, האָבען גענומען שרייען: „די מיסיאָנערען זיינען שוין דאָ!" איך וויל דאָ בעמערקען, אז די פרומע אידען פלעגען דאן רופען די אידישע סאָציאַליסטען מיסיאָנערען, ווייל מר. שרהזאָהנס „אידישע גאַזעטען" פלעגען שטארק העצען געגען די סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען ניט פרום, און דערפאר פלעגען די אונוויסענדע אידען דענקען אז די סאָציאַליסטען זיינען מיסיאָנערען.

מילא די בעמערקונגען האָבען שוין ניט אזוי שטארק אויס־געמאַכט, איך האָב ווייטער גערעדט. עס האָט אָבער גענומען פליהען אַ האָגעל מיט שטיינדלעך. צו ווערען מארטירער האָבען די גענאָסען דאמאלס גראדע ניט מורא געהאַט, אבער דאָ האָט זיך דער פערד פון דעם וואָגען דערשראָקען, און האָט גענומען לויפען, אלע גענאָסען אויפ'ן וואָגען זיינען איבערראַשט געוואָרען, און האָבען גענומען שרייען צום עקספּרעס־מאַן: „פאָהרט צו צו אנאָנ־דער קאָרנער!" אַ ברירה האָט מען געהאַט. דער צווייטער סטאָפּ איז געווען אויפ'ן קאָרנער עסקעס און העסטער סטריט. דאָרטען האָבען מיר נאָך געהאַט אַ גרעסערען אָבשניט ווי אויפ'ן ערשטען קאָרנער, ווייל עס זיינען זיך אהין אָנגעלאָפען אַ גאנג פון די דאמאלסדיגע טעמעני פּאָליטישענס, ווי אויך פון די דזשאָהן אָ'ברייען'ס אַסאָסיאיישען פון 8טען דיסטריקט פון די רעפּובלי־קאַנער, וועלכע האָבען ניט געקענט פערטראָגען צו זעהען אז „ציצי־ליסטען" זאָלען האַלטען רעדעס אויפ'ן גאַס. דאָס איז דאן געווען אַ נייעס. מיר זיינען קוים לעבעדיגע אוועק מיט'ן עקספּרעס, און מיר זיינען ארומגעפאָהרען אביסעל ביז מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף ראָטגערס סקווער. דאָרט האָט גענאָסע קאהאַן געהאַלטען אַ בעגייסטערטע רעדע פון דעם טראָק און אויך אַלע איבריגע רעדנער און קאנדידאטען, און אַלע גענאָסען זיינען אוועק אפילו מיט צייכענס פון די שטיינער, דאָך צופריעדען מיט'ן ערפאָלג פון אונזער ערשטע אָפען עער אַגיטאַציאָן פאר'ן סאָציאַליזמוס.

דער רעזולטאַט פון יענעם ערשטען קאמפּיין פון דער סאָצ.

אָרב. פּאַרטיי אין ניו יאָרק איז געווען ניט זעהר קיין גלענצענדער. געגאָסע אַלעקסאַנדער יאָנאַס, דער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר אויפ'ן סאָציאַליסטישען טיקעט, האָט דאַן געקראָגען אין ניו יאָרק איבער צוויי טויזענד שטימען. אַלס אַן אָנפאַנג פאַר א נייע פּאַרטיי, די אָנפאַנגער פון וועלכע זיינען געווען אַלע אויסלענדער, איז עס ניט געווען שלעכט. די אידישע דיסטריקטען האָבען דאַן בעקומען די קלענסטע צאָהל שטימען. אין 4טען דיסטריקט האָט אונזער קאַנ־דידאַט פאַר אסעמבלי געקראָגען 64 שטימען, און אין 8טען דיס־טריקט האָט דער קאַנדידאַט פאַר אסעמבלי געקראָגען בלויז 26 סאָציאַליסטישע שטימען. עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, ווייל אַלע אַנהענגער פון די סאָציאַליסטען אין אידישען קוואַרטאַל זיינען ניט געווען קיין סיטיזענס, די פּאָאר וואָוטס וועלכע מען האָט דאַן געקראָגען, זיינען געווען פון אייניגע דייטשע גענאָסען, וועלכע האָבען צו יענער צייט געוואָהנט אין דעם יעצטיגען אידישען געגענד דאַן טאַון.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט אויסער ברענטשעס אויך געהאַט שפּראַך־סעקציאָנען.

די אַמעריקאַן סעקשען איז געווען די איינציגע אַבטהיילונג פון דער פּאַרטיי וועלכע האָט געפיהרט די אַגיטאַציאָן פאַר'ן סאָציאַ־ליזמוס אין דער ענגלישער שפּראַך. די גרעסטע צאָהל פון די מיט־גליעדער פון דער אַמעריקאַן סעקשען פון דער ס. ל. פּ. זיינען אויך געווען אויסלענדער פון פערשיעדענע נאַציאָנען. די אמת'ע אַמערי־קאַנער מעמבערס פון דער סעקציאָן האָט מען געקענט אויסצעהלען אויף די פינגער, אפילו די רעדנערס און לעקטשורערס ביי די מיטינ־גען פון דער אַמעריקאַן סעקשען זיינען אויך געווען אויסלענדער. גענאָסע לוסיען סאַניעל פלעגט דאָרט אָפט האַלטען לעקטשורס. גענאָסע קאַהאַן פלעגט אויך לעקטשורען אויף ענגליש אין דער אַמעריקען סעקשען ס. ל. פּ. יעדען זונטאַג נאַכמיטאַג פלעגט די אַמעריקאַנער סעקציאָן האַלטען אָפענע מיטינגען אין דער 8טער סטריט, וואו יעצט געפינט זיך וואַנאַמייקערס סטאָר. עס פלעגען זיך דאָרטען יעדען זאָנטאַג צוזאַמענקומען סינגעל טעקסער, אַנאַר־כיסטען, אינדיווידואַליסטען און גלאַט געגנער דעבאַטירען מיט די סאָציאַליסטען. צו יענע מיטינגען פלעגט אָפט קומען א געוויסער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע, גאַנ־טאָן, וועלכער פלעגט אַנטהייל נעהמען אין די דעבאַטען מיט די

סאָציאַליסטען, וועלענדיג בעווייזען אז דער סאָציאַליזמוס איז אונ־פּראַקטיש און ניט דורכפיהרבאר, און אז איבערהויפּט וועלען די אידען פון סאָציאַליזמוס קיין מאָל ניט האָבען קיין ערפאָלג אין אמעריקא. דיזער פּראָפעסאָר האָט הפנים געזוכט פּאָפּולער צו ווערען, קיין מיטינג האָט ער ניט פערפעהלט. גענאָסע קאהאָן האָט איהם אַרויסגערופען אויף אַ דעבאַטע. יענער מיטינג איז געווען אויסערגעוועהנליך שטארק בעזוכט און אַלע אנוועזענדע האָבען צו־געגעבען אז גענאָסע קאהאָן האָט געוואונען די דעבאַטע. אפילו די אַנוועזענדע געגנער האָבען צוגעגעבען אז די אַרגומענטען פון גנ. קאהאָן פאַר דעם סאָציאַליזמוס זיינען געווען שטאַרקערע, ווי דעם פּראָפעסאָרס אַרגומענטען געגען סאָציאַליזמוס.

גענאָסע קאהאָן איז געווען זעהר טהעטיג צווישען די „אמערי־קאַנער" סאָציאַליסטען, פון דעם יאהר 1886 ביז 1890. דאַן האָט ער זיך ווידער אַריינגעוואָרפען אין דער אידישער ארבייטער בעוועגונג.

גענאָסע קאהאָן איז דיזע פיער יאהר צייט געווען אַ מיטארביי־טער אונענטגעלטליך אין דעם ענגלישען אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. דער „וואָרקמענס אדוואָקייט", דער רעדאַקטאָר פון וועלכען עס איז געווען גענאָסע לוסיען סעניעל. ער פלעגט שרייבען צוויי אַרטיקלען יעדע וואָך. אויסערדעם האָט גענאָסע קאהאָן געשריעבען פיעלע סאָציאַליסטישע פּאַמפלעטס אין דער ענגלישער שפּראַך. איינער פון דיזע פּאַמפלעטס, „די סאָשיאל רעמעדיס", איז געווען אַזוי פּאָרטרעפליך אויפגעשריבען, אַז ער איז פערשפּרייט געוואָרען אין צעהנדליגע טויזענדער עקזעמפּלאַרען. מען קען זאָגען, אַז צו יענער צייט איז גענאָסע קאהאָן געווען די נשמה פון דער אמעריקאנער סעקציאָן פון דער פּאַרטיי.

גראַדע אין יענער צייט, ווען גענאָסע קאהאָן איז צוריק געוואָ־רען שטארק טהעטיג אין דער אידישער בעוועגונג, האָט זיך דעניעל דעליאָן, וועלכער איז ביז דאַן געווען אַ סינגעל טעקסער, ערקלערט אַלס סאָציאַליסט און איז געוואָרען אַ מעמבער פון דער אמעריקאַנער סעקציאָן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי.

פינפטער קאפיטעל.

די גרינדונג פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און „ארבייטער צייטונג“.

דעם 9טען אקטאבער 1888 (דאס איז געווען אין א מאנטאג אבענד), איז אבגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פערזאמלונג אין סאציאליסטישען דייטשען לייבאר לייסעאום נומער 25 איסט 4טע סטריט. דער מיטינג איז געווען אין א קליינע רומקע אויפ'ן גערעט (אין אידיש א בוידעם).

דער קאנפערענץ איז בערופען געווארען פון דער 8טער (אידישער) ברענטש סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי, אום צו גרינדען א צענטראל קערפערשאפט פון אידישע יוניאנס. עס האבען דאן עקזיסטירט צוויי אידישע יוניאנס: די שריפטזעצער און כאריסטען יוניאנס. אויסער דעם זיינען אויף דער קאנפערענץ געווען פערטראטען דער אידישער ברענטש 8 און דער רוסישער ברענטש 17 פון דער ס. ל. פ.

צו דיעזען קאנפערענץ איז אויך ערשיענען א קאמיטע פון די פעראייניגטע דייטשע געווערקשאפטען, א צענטראל קערפערשאפט פון דייטשע פראגרעסיווע יוניאנס, וועלכע איז דאן געווען ארגאניזירט מיט'ן צוועק צו שטיצען די ארבייטער פרעסע. דיעזע קערפערשאפט האט זיך דאן אויך פיעל געמישט אין די פערשיעדענע טרייד-יוניאן פראגען, ווייל די דאמאלסטדיגע צענטראל לייבאר יוניאן איז געווען זעהר קאנסערוואטיוו און האט געהאט א סך בודעל פאליטישענס אלס איהרע דעלעגאטען.

די דייטשע יוניאנס זיינען אלע אהן אויסנאהמע געווען סאציאליסטיש. דיעזע פעראייניגטע דייטשע געווערקשאפטען האבען געשיקט דעלעגאטען מיטצוהעלפען ארגאניזירען די אידישע ארבייטער.

אויסער די דעלעגאטען וועלכע די פיער ארגאניזאציאנען האבען געשיקט, זיינען געווען אנוועזענד די גענאסען וו. ראזענבערג, רעדאקטאר פון דעם דייטשען פארטיי ארגאן „דער סאציאליסט“, גענ. אב. קאהאן און מ. הילקוויט.

רעדעס זיינען אויף יענעם מיטינג געהאלטען געווארען ווייניג. אלע אנוועזענדע זיינען געווען איינשטימיג צו גרינדען אזא קערפערשאפט און נאך א קורצע דעבאטע איז אבגעשטימט געווארען,

אז די פּלאַטפּאָרמע פון דיעזער קערפּערשאַפט זאָל זיין א סאָציאַ־ליסטישע און די הויפּט־פּונקטען פון פּראָגראַם זאָלען זיין:

1) געגענזייטיגע שטיצע פון איין יוניאָן צו דער צווייטער,

2) גרינדען נייע יוניאָנס אין די טריידס וועלכע זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט און

3) שטיצען די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָן צווישען די אידישע אַרבייטער מינדליך און שריפטליך. אַלס בעאַמטע פון דיעזער קערפּערשאַפט זיינען ערוועהלט געוואָרען: פּראָטאָקאָל און פינאַנץ־סעקרעטער דער שרייבער פון דיעזע צייל[ען] ב. וויינשטיין, און קאָרעספּאָנדירענדער סעקרעטער גענאָסע מ. הילקוויט.

ווען עס איז געקומען צום נאָמען פון דאָס נייע קינד, איז בע־שטימט געוואָרען דער נאָמען „די פערייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען". עס איז דאַן ערוועהלט געוואָרען אַן אָרגאַניזיינג קאָמיטע, וועלכע האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט צו אָרגאַניזירען נייע יוניאָנס.

אין פערלויף פון צוויי יאָהר צייט איז די פערייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אזוי געוואקסען אז אין מאַרטש 1890, צו דער צייט ווען די „אַרבייטער צייטונג" איז ערשיענען, איז די געווערקשאַפטען בעשטאַנען פון 33 יוניאָנס.

עס איז ניט געווען קיין איין מאַסען־פערזאַמלונג פון א טרייד־יוניאָן, וואו גענ. קאַהאַן זאָל ניט ריידען. ער איז אויך זעהר טהעטיג געווען אין גרויסען דזשענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער מיט 17 יאָהר צוריק. ער פלעגט בעזוכען די מיטינגען פון יעדער יוניאָן בעזונדער. עס איז געווען צו בעוואונדערען די ענערגיע און קראַפט וועלכע גענאָסע קאַהאַן האָט אָבגעגעבען דער בעוועגונג אין זיינע יונגע יאָהרען. ער האָט געשריעבען אין אידיש און ענגליש, גערעדט אין אידיש און אין ענגליש טאָג און נאַכט, ער איז קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען. אַלעס האָט ער געטהאָן אָהן בעצאָהלט. א לעבען פלעגט ער מאַכען דערפון וואָס ער איז געווען א נייט־סקול טיטשער אין ענגליש. אויך פלעגט ער געבען פּריוואַט לעסאָנס אין דער ענגלישער שפּראַך און שרייבען אַרטיקלען אין ענגלישע טעגליכע צייטונגען. און אויף אַלעס האָט ער צייט געהאַט. געוואוינט האָט ער אין 31 אַטאָרני סטריט אין צוויי רומקעס אין א ריער הויז.

יענע יאָהרען האָט גענאָסע קאַהאַן אויך אַטענדעט לאָא קאָלעדזש. ער האָט אָבער ניט געגליכען די ביזנעס; ער איז געקומען

צו דער מיינונג, אז א טהעטיגער סאָציאַליסט דאַרף ניט זיין קיין לאַיער און ער האָט עס אויפגעגעבען. צוויי מאָל האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטודירען לאָא אוןביידע מאָל האָט ער עס אוועקגעשמיסען.

ביז ענדע 1889 האָט גענאָסע קאהאַן געטהיילט זיין צייט צווישען די אידישע ארבייטער בעוועגונג און דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. פון יענער צייט אָן האָט גענאָסע קאהאַן אין גאַנצען זיך אריינגעוואָרפען אין דער אידישער ארבייטער בעוועגונג, וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ארויסגעבען אַן אייגענע ארבייטער צייטונג.

אין יענער צייט האָבען די אַנאַרכיסטען געהאַלטען מעהר פון דער פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט ווי פון טרייד יוניאָנס, וועלכע זיי פלעגען רופען „פּאַליאַטיווען“. די אַנאַרכיסטען פלעגען טענה'ן: „וואָס ערגער איז בעסער“. זיי האָבען געקליימט אַז די ארבייטער וועלען קנאַפּ פערדיענען וועלען זיי שנעל מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען בעהויפּטעט אַז „וואָס בעסער איז בעסער“. ווען ארבייטער וועלען בעסער פערדיענען און ארבייטען ווענינער שטונדען, וועלען זיי שנעל אויפגעקלערט ווערען און וועלען האָבען קרעפטען און לוסט אימער מעהר צו קעמפּפען, סאַי פיר איצטיגע פערבעסערונגען, סאַי פיר זייער ענדליכער בעפרייאונג פון קאַפּיטאַליסטישע שקלאַווערייַ — און עס וועט גיכער קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

אין אַלע אידישע יוניאָנס פלעגען ביי די מיטינגען פאָרקומען היציגע דעבאַטען וועגען אַנאַרכיזמוס און סאָציאַליזמוס. אין דיעזע דעבאַטען פלעגען זיך בעטהייליגען די הויפּט־רעדנער פון ביידע פּאַרטייען.

יעצט איז זיך זעהר שווער פאָרצושטעלען אַזעלכע פייערדיגע דעבאַטען; דאַמאָלסט איז אָבער דיעזע פראַגע געווען די ברענענדסטע אין אַלע אידישע יוניאָנס. דער הויפּט־שלאַכטפעלד איז געווען די פּלאַטפאָרמע פון דער שווירטמייקערס יוניאָן יעדען פרייטאַג־צונאַכטס. צווישען די מעמבערס פון די שווירטמייקערס יוניאָן זיינען געווען גענוג אינטעליגענטען וועלכע פלעגען אָנפיהרען דיעזע דעבאַטען. גענאָסע קאהאַן פלעגט אָפט ערשיינען צו דיעזע דעבאַטען, וועלכע פלעגען זעהר אָפט איבערגעטראָגען ווערען פון די יוניאָנס אויף די מיטינגען פון די געווערקשאַפטען און דאָרטען פלעגען אַלע ווידער קעמפּפען מיט ארגומענטען.

דער רעזולטאט פון דיזע אַלע דעבאטען איז געווען, דאָס די זייטע פון די סאָציאַלדעמאָקראטען האָט אַלע מאָל צוגעקראָגען מעהר סימפּאטייזערס. די אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פון ברענטש 8 ס. ל. פּ. האָבען גענומען מאסענהאפט בעזוכט ווערען, די לעקטשורס פון די גענאָסען קאהאן, זאמעטקין, הילקוויט, שעוויטש, יאָנאס און אַנדערע זיינען געוואָרען די פּאָפּולערסטע ביי די אידישע מאסען, וועלכע האָבען גענומען שטארק סימפּאטיזירען מיט דער טאקטיק פון די סאָציאַלדעמאָקראטען.

דאַן האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין אייגענער ארבייטער בלאַט, עס האָט עקזיסטירט אַ פּריוואט ארבייטער צייטונג דער „מאָרגען־שטערען“, ארויסגעגעבען פון גענ. מאיר לאָנדאָנ׳ס פאָטער. די אַנאַר־כיסטישע צייטונג „וואהרהייט“ איז שוין דאַן געווען טויט.

אויף קריסטמעס פון 1889 האָט די אַנארכיסטישע גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט“ איינגערופען אַן אַלגעמיינע קאָנוועגשאָן צו וועלכע זיי האָבען איינגעלאַדען אַלע אַנארכיסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאַניזאַציאָנען, בילדונגס־פעראיינען און אידישע יוניאָנס פון גאַנצען לאַנד. דער צוועק פון דער קאָנוועגשאָן איז געווען די ארויסגאבע פון אַן אונפּארטייאישען ארבייטער בלאַט צוזאמען פון סאָציאַלדעמאָקראטען און אַנארכיסטען. צו יענער צייט האָבען שוין עקזיסטירט אידישע סעקציאָנען פון דער ס. ל. פּ. און אַנארכיסטישע גרופּען און יוניאָנס אין פערשיעדענע שטעדט ווי נוארק, פילאַדעלפיא, באַלטימאָר, ניו־הייווען, הארטפאָרד, באָסטאָן, שיקאַגאָ און זאָ ווייטער.

זיעבעציג אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געווען פערטראָטען ביי יענער קאָנוועגשאָן, וועלכע האָט געדויערט גענויע זעקס טעג און זעקס נעכט. די אַנארכיסטען האָבען גוט פערשטאַנען, אַז זיי אַליין וועלען ניט זיין אימשטאנדע ארויסצוגעבען אַן אייגענע אַנארכיס־טישע צייטונג. זיי האָבען גערעכענט אַז ארויסגעבענדיג אַ צייטונג צוזאמען מיט די סאָציאַלדעמאָקראטען וועט זיי געלינגען צו קריגען אין דער צייטונג די אויבערהאַנד און דערמיט צו געווינען דעם פּובליקום פאַר דעם אַנארכיזמוס. דאָס קאָמישסטע פון אַלעס איז געווען, אַז וועלענדיג זיך פעראייניגען מיט די סאָציאַלדעמאָקראַ־טען אין די ארויסגאבע פון אַן אונפּארטייאישע צייטונג האָבען די אַנארכיסטען ניט אויפגעהערט זייערע „גוואַלדיגע“ אטאַקעס אויף

די סאָציאַלדעמאָקראַטען. זיי האָבען נאָך אַלץ געשריען, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטען האַלטען צוריק די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען ביי זיך געוואוסט אַז אַזא פעראייניגטע אונפּאַרטייאישע צייטונג וועט ברענגען דער בעוועגונג מעהר שאַדען ווי נוצען. דער אינטערעס וואָס אַלע אַנוועזענדע פון יענער קאָנווענשאָן האָבען גענומען אין דער זאַך איז אונבעשרייבליך. די רעדעס און די אַרגומענטען פון די רעדנער זיינען געווען מערקווירדיגע. דער גרויסער האַל איז די גאַנצע צייט געווען געפּאַקט. די זיצונגען האָבען געדויערט פון 10 אוהר מאָרגענס ביז 12 אוהר נאַכטס.

אויפ'ן זעקסטען טאָג פון דער קאָנווענשאָן איז עס געקומען צו א שפּאַלטונג פוןביידע פּאַרטייען. די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער קאָנווענשאָן. מיט זיי זיינען מיטגעגאַנגען אַלע אידישע יוניאָנס.

גענאָסע קאַהאַן, וועלכער איז ביי דיעזער קאָנווענשאָן ניט געווען קיין דעלעגאַט, בלויז אַלס א גאַסט, האָט זיך אַזוי פעראינטערעסירט מיט דיעזער פראַגע פון דער אַרויסגאַבע פון אַן אַרבייטער צייטונג, דאָס ווען פון איין קאָנווענשאָן איז געוואָרען צוויי, איז ער מיטגעגאַנגען מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער זייט. ביידע קאָנווענשאָנס האָבען בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אייגענע אַרבייטער צייטונגען.

די סאָציאַלדעמאָקראַטען און די יוניאָנס מיט די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וועלכע מען האָט גערופען די „פּאַרטייאישע", האָבען בעשלאָסען אַרויסצוגעבען א סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע וועכענטליכע צייטונג אונטער דעם נאָמען „אַרבייטער צייטונג".

די אַנאַרכיסטען מיט אייניגע בילדונגס פעראיינען וועלכע מען האָט גערופען „פּאַרעווע לאָקשען", האָבען בעשלאָסען אַרויסצוגעבען א וועכענטליכע „אונפּאַרטייאישע" צייטונג אונטער דעם נאָמען די „פרייע אַרבייטער שטימע".

די „אַרבייטער צייטונג" איז ערשיענען אַם 7טען מערץ 1890. די אַרויסגעבער זיינען געווען די אַרבייטער צייטונג פּובלישינג אַסאָסיאיישאָן, צו וועלכע עס האָבען בעלאַנגט אַלע אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטען, טרייד־יוניאָניסטען און דעלעגאַטען פון יוניאָנס.

בלויז דריי מאָנאט צייט האָט גענומען אויפצוברענגען א סומע פון איבער טויזענד דאָלאַר מיט וועלכע דיעזע צייטונג איז געגרינ־דעט געוואָרען. צו יענער צייט האָט דאָס געהייסען א גרויסע סומע געלד. די טהעטיגקייט פון די דאמאָלסטדיגע גענאָסען איז געוועזן צו בעוואונדערען, הויפטזעכליך פון גענאָסע קאהאנ'ען, וועלכער איז ארומגעגאנגען אין די שעפּער פערקויפען טיקעטס פאר א בענעפיט צו גונסטען דיעזער צייטונג.

די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האָט אויפ'ן שטעל אנערקענט די „ארבייטער צייטונג" אלס איהר אָפיציעלען אָרגאַן.

„די פרייע ארבייטער שטימע" איז ערשט ערשיענען אין מאָנאט דזשולי פון זעלבען יאָהר מיט צוויי רעדאקטערע. פון די אנארכיס־טען איז געוועזן ר. לואיס, און אלס סאָציאלדעמאָקראטישער רעדאק־טאָר איז געוועזן דער בעקאנטער שרייבער יצחק אייזיק הורוויץ.

די מינדליכע שלאכט פון די סאָציאלדעמאָקראטען און אנאר־כיסטען האָט זיך פערשטארקט מיט א שריפטליכער שלאכט פוןביידע ארבייטער בלעטער.

טראָצדעם וואָס דער ערשטער רעדאקטאָר פון „ארבייטער צייטונג" איז געוועזן גענ. פ. קראנץ, זיינען די מייסטע ארטיקלען אין דיעזער צייטונג געשריעבען געוועזן פון גענ. קאהאן. די „סדרות" אין „ארב. צייטונג" וועלכע גענ. קאהאן האָט געשריבען יעדע וואָך אונטער דעם נאָמען פון „פּראָלעטארישקער מגיד" האָבען צוגעצוי־גען די אויפמערקזאַמקייט פון אלעמען, און זיין ארט אגיטאציאָן האָט געבראכט גוטע פריכטע.

אויסער דעם וואָס גענ. קאהאן פלעגט האלטען אין ניו יאָרק יעדע וואָך פון 8 ביז 10 רעדעס, אין דעם שוין אריינגערעכענט לעקטשורס, אין אידיש, רוסיש און ענגליש, האָט מען גענאָסע קאהאנען גענומען פאָדערען פון אלע שטעדט פון גאנצען לאנד ער זאָל לעקטשורען און האלטען אגיטאציאָנס-רעדעס; אלעס האָט גענאָסע קאהאן געטהאָן אָהן וועלכען עס איז געצאָהלט.

אין אלע גרעסטע ווי אויך קלענסטע שטעדט האָבען זיך געגרינדעט אידישע סעקציאָנען פון דער ס. ל. פ. און אין אלע שטעדט ווי נוארק, סיראקיוז, ראָטשעסטער, יוטיקא, פילאדעלפיא, באלטימאָר, סינסינעטי, סט. לואיז, שיקאגאָ, באָסטאָן, האַרט־פאָרד, וואָטערבורי, ניו הייווען, מילוואקי, הייווערהיל, בראָקטאָן און כמעט אין יעדער שטאָדט וואו עס האָבען געוואוינט אידען איז גענ.

קאהאן איינגעלאַדען געוואָרען צו ריידען. ער האָט גערעדט און געלעקטשורט פיעלע מאָל אין יעדער שטאָדט. דער סאָציאַליזמוס צווישען די אידישע ארבייטער איז פערשפּרייט געוואָרען אין יעדער שטאָדט פון לאַנד וואו עס האָבען נאָר געוואוינט אידען, און אין יעדען פון דיזע פּלעצער איז געוועזען געג. קאהאן בעקאַנט און בע־ליעבט. די ערגסטע געגנער פון סאָציאַליזמוס און פון דער טרייד־יוניאָן בעוועגונג האָבען אויך געהאַט די גרעסטע אַכטונג און רעספּעקט פאַר גענאָסע קאהאַן.

די אידישע גענאָסען פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, האָבען גענומען פאָדערען גענאָסע קאהאנען ער זאָל קומען צו זיי נאָך ענגלאַנד פאַר אַן אַגיטאַציאָנס־טור. ער האָט געהאַט א געלעגענהייט דאָס אָנצו־נעהמען, דען גראַדע אין יענער צייט האָט די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געשיקט גענאָסע קאהאנען אלס דעלעגאַט צום אינ־טערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין בריסעל, בעלגיען. דאָס איז געוועזען אין זומער פון דעם יאָהר 1891.

די לעקטשורס און רעדעס וועלכע גענאָסע קאהאַן האָט געהאַל־טען אין לאָנדאָן און נאָך פיעלע שטעדט אין ענגלאַנד האָבען פיעל געהאָלפען צו פערשטאַרקען די סאָציאַליסטישע בעוועגונג פון די אידישע אַרבייטער אין ענגלאַנד.

זייענדיג שולדיג אַ דאַנק גענאָסע קאהאנען דערפאַר וואָס פון זיין מויל האָב איך יונגערהייד געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט דעם גרויסען אידעאַל פון סאָציאַליזמוס און דערפאַר וואָס די אויפקלערונג וועלכע גענאָסע קאהאַן האָט מיר געגעבען, האָט מיך אַריינגעוואָרפען אין דער ארבייטער בעוועגונג, וואו איך האָב דאָס פערגעניגען נאָך עד היום צו זיין טהעטיג, מאַכט עס מיר פיעל פריידע צו קענען ביישטראָגען צום 50 יאָהריגען יובילעאום פון מיין טהייערסטען פריינד און גענאָסע אב. קאהאן מיינע שוואַכע עראינערונגען וועגען די קאַפּיטעלך פון די ערשטע צעהן יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג אין אַמעריקאַ.

מיין איינציגער וואונש איז, אַז גענאָסע קאהאַן זאָל דערלעבען צו זעהען נאָך און נאָך פריכטע פון זיין לאַנגער שווערער און אונערמיעדליכער טהעטיגקייט.

גענאסע קאהאן אין די היטציגע יאהרען פון דער בעוועגונג.

(פערזענליכע עראינערונגען)

פון ב. פייגענבוים.

1.

א ווייב האט מען ליעב גאר אין די יוגענד און גאר אויף דער עלטער. גאר אין די יוגענד ברענט די בעגייסטערונג און „על כל פשעים תכסה אהבה״, די ליעבע פערשפרייט איהר מאנטעל אויף אלע פעהלערען. שפעטער, אז מען איז מעהר צוזאמען, שטויסען זיך אן די געגענזעצע, ביסלעכווייז ווערט מען אביסעל ברוגז. פון רוגז ווערט אן אונצופריעדענהייט, פון אונצופריעדענהייט ווערען מחלוקות, פון מחלוקות ווערט א שנאה, און די שנאה פערדעקט אלע מעלות, פונקט ווי די ליעבע פערדעקט אלע חסרונות.

ליידער צו אפט קומט אויף אזא אופן ארוים ביטערע צושיידונג. קיין גוטען נאגעל געפינט מען שוין ניט איינער אין דעם אנדערען.

נאר אז מען ווערט עלטער און געזעצטער, אז די שטורמען פון האס שטילען זיך אזוי איין ווי פריהער די שטורמען פון ליעבע, קומט מען ערשט צום שכל, אז קיין מענש איז ניט אין גאנצען קיין טייוועל אזוי גוט ווי ניט אין גאנצען קיין מלאך. און מען הויבט אן רוהיג צו אנאליזירען און בעטראכטען אי די גוטע זייטען אי די שלעכטע, און מען זעהט איין, אז אליין איז מען אויך קיין מלאך ניט. דאן ענטשולדיגט מען די חסרונות אלס עטוואס מענשליכעס און מען שעצט די מעלות אלס עטוואס ליבענסווערטהעס. דאן ענטשטעהט א נייער סארט ליעבע, א ליעבע וואס שטורעמט ניט און בלענדעט ניט, א ליעבע וואס איז מעהר בעגרינדעט אין קאלטער בערעכנונג. און דיעזער ליעבע קען שוין קיין רוגז קיין שאדען ניט טהאן. זי איז ווי שטילע וואסערלעך וואס גראבען טיעף.

דאס זעלבע איז אין א בעוועגונג.

די ערשטע יאָהרען ברענט דער ענטהוזיאַזמוס און מאַכט בלינד און טויב צו אַלע קרומקייטען פון די חברים. אביסעלע שפּעטער בעווייזען זיך די אַנטאַגאָניזמען. פון זיי קומען ארויס רוגז'ן, פון רוגז'ן רוגזא'ס, פון רוגזא'ס ביטערע מחלוקות, פון מחלוקות שנאות, און די שנאות מאַכען בלינד און טויב צו אַלע מעלות פון די געגנערישע חברים און עס דאַכט זיך אַז קיין גוטער ביסען איז שוין אין זיי ניטאָ.

און ניט נאָר איז דאָס מיט די מענשען אַזוי, נאָר אויך מיט די פּרינציפּען, מיט די שטאַנדפּונקטען. אַזוי ווי אין די יאָהרען פון יוגענד־בעגייסטערונג זעהט מען נאָר די איינזיגענדע זייטען צווישען די פערשיעדענע שטאַנדפּונקטען אין די אייגענע רייהען, אַזוי זעהט מען אין די יאָהרען פון שטרייט־אויפרעגונג נאָר די שיידענדע פּונקטען אין זיי. די פאַנטאַזיע איבערטרייבט די פער־שיעדענהייטען פון די מיינונגען ביז צום עקסטרעם. מען שרייבט צו דעם געגנערישען שטאַנדפּונקט אַזעלכע ווילדע עקסטרעמיטע־טען, וועלכע ער מיינט אין אמת'ן גאָר ניט. און עס דאַכט זיך, אַז דער אייגענער שטאַנדפּונקט מיט דעם געגנערישען אין די אייגענע רייהען זיינען נאָך מעהר פייער מיט וואַסער, ווי מיט דעם שטאַנד־פּונקט פון די אַבסאָלוט געגנערישע רייהען.

נאָר ווען מען עלטערט זיך אין דער בעוועגונג און די שטורמען פון שטרייט שטילען זיך איין אַזוי ווי פריהער די שטורמען פון יוגענדליכען ענטהוזיאַזמוס, הויבט מען אָן איינצוזעהן, אַז אַזוי גוט ווי מענשען זיינען ניט בלויז מלאכים און ניט בלויז טייוואָלים, אַזוי זיינען שטאַנדפּונקטען ניט בלויז חכמה און ניט בלויז דומהייט. מען הויבט אָן צו ענטדעקען דאָס גוטע אין דעם שלעכטען און דאָס שלעכטע אין דעם גוטען. און דאָס שלעכטע, אין מענשען ווי אין מיינונגען, האַלט מען פאַר דאָס נאַטירליך־מענשליכע און דאָס גוטע ווייסט מען הויך צו שעצען.

* * *

ווען איך בין אַהער געקומען קיין אַמעריקא, דעם 9טען יולי 1891, האָב איך שוין געטראָפען די בעוועגונג דאָ אין איין בעציהונג אין אַ צווייטער פון די בעטראַכטע פּעריאָדען. עס האָט געשטורמט די מחלוקה אין „די אייגענע רייהען“ צווישען די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען. דעמאָלט האָט עס נאָך געהייסען „אין די אייגענע רייהען“, וויילל עס איז נאָך געווען פריש נאָך דעם ברוך. דער „גט“

איז נאך ניט געווען פאלקאמען. מען האט זיך נאך געפיהלט אזוי ווייט איין משפחה, אז עס האט זיך נאך געשיקט צו האבען מחלוקות מיט־אנאנדער...

דער צוזאמענהאנג איז הויפטזעכליך אויפגעהאלטען געווארען דורך דעם, וואס די אנארכיסטען, פיהלענדיג זיך צו שוואך צו שטעהן אויף אייגענע פיס, האבען גע'טענה'ט, אז זיי ווילען ניט קיין איינזייטיגע אנארכיסטישע בעוועגונג, נאר אן אלזייטיגע סאציאליסטישע, מיט „טאלעראנץ" און דיסקוסיאנס־פרייהייט פאר אלע מינים סאציאליסטישע שולען. זייער „פרייע ארבייטער שטימע" (ניט די היינטיגע) האבען זיי אין אנפאנג ארויסגעגעבען אלס „אונפארטייאישען סאציאליסטישען ארגאן". זיין געגענזאץ צו די סאצ. דעמאקראטישע „ארבייטער צייטונג" האט כלומרשט בעדארפט בעשטעהן בלויז אין דעם, וואס די „ארבייטער צייטונג" איז געווען איינזייטיג, ענגהערציג סאציאל־דעמאקראטיש און די „פרייע ארבייטער שטימע" האט געזאלט זיין א פרייע שטימע פאר די ארבייטער (דערפון דער לאנגער נאמען), וואו יעדע מיינונג זאל געהערט ווערען.

ווען איך בין נאך געווען אין לאנדאן, האב איך ערהאלטען אן איינלאדונג פון די „פרייע ארבייטער שטימע", געשריעבען פון איהר הויפט־פיהרער ר. לואיס, איך זאל קומען זיין „איהר סאציאל־דעמאקראטישער רעדאקטאר". זייער אידעע איז נעמליך געווען, אז „די פרייע ארבייטער שטימע" זאל האבען צוויי רעדאקטערע, איינעם אן אנארכיסטישען און איינעם א סאציאלדעמאקראטישען. יעדער זאל אבהיטען, אז זיין צד זאל האבען פולע גענוגטהואונג, פולע רעדע־פרייהייט אין דער געמיינשאפטליכער צייטונג.

מיין שטאנדפונקט אין דעמאלט געווען פאלגענדער:

אין בעצוג אויף די צוקינפטיגע געזעלשאפט איז די פערשיעדענהייט צווישען אנארכיזמוס און סאציאלדעמאקראטיע הויפטזעכליך א מיספערשטענדניס. די אנארכיסטען מיינען ניט די הפקר־פעטרישקע־וועלט, ווי די פאנאטיזירטע סאציאלדעמאקראטען שטעלען דאס פאר. זיי, די אנארכיסטען, ווילען אויך אן „ארגאניזאציאן פון דער געזעלשאפט". די סאציאלדעמאקראטען ווידער מיינען ניט אזא „קאזארמען־דיסציפלין", ווי די פאנאטיזירטע אנארכיסטען שטעלען דאס פאר, — ווי מאסט האט אמאל געשריעבען: „די סאציאלדעמאקראטען ווילען, אז אין פעקינג זאל זיצען די

הויפט־רעגיערונג פון דעם אינטערנאציאָנאַלען סאָציאַלדעמאָקראַ־טישען שטאַאט און זאָל דאָרטען בעשליסען מיט א מאַיאָריטעט, וואָסערע זעמעל מען זאָל באַקען אין ניו יאָרק". דאָס איז דאָך אונזין. דער הויפט־אָבגרונד צווישען די צוויי צוקונפטס־אידעאַלען איז נאָר צווישען די ווילדע איבערטרייבונג וואָס די אַנאַרכיסטען שטעלען פאָר וועגען סאָציאַלדעמאָקראַטיע און די ווילדע איבערטרייבונג וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטען שטעלען פאָר וועגען אַנאַרכיזמוס.

איך אַליין האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהאַט קיין האָאר פון צוקונפטס־אַנאַרכיזמוס אין מיר. א שטיקעלע סימפּאַטהיע האָב איך נאָר געהאַט צו די קריטיק פון די אַנאַרכיסטען געגען דעם איבערטריבענעם „רעפאָרמיזמוס" אין דער געגענוואַר־טיגער טהעטיגקייט פון א טהייל סאָציאַלדעמאָקראַטען. איך האָב שטאַרק געגלויבט אין רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ. איך האָב שטאַרק געהאַלטען מיט די דעמאָלטיגע „יונגע" סאָציאַלדעמאָקראַ־טען אין דייטשלאַנד (הײנט איז דאָס דער שטאַנדפּונקט פון גער, לאַפאַרג, בעבעל, קאַוטסקי און פון די דרעזדענער און אַמסטער־דאַמער רעזאָלוציאָן, אין געגענזאַץ צו בערנשטיין, זשאָרעס, טוראַטי א. ז. וו.). דער צוקונפטס־אַנאַרכיזמוס אָבער איז מיר קיינמאָל ניט געקראָכען אין קאָפּ אַריין. איך האָב נאָך אַרגומענטירט געגען איהם אין די בעלגישע פאַרטיי און אין „ארבייטער פריינד" אין 1888.

אָבער עס איז געווען מיין פעסטע איבערציינונג, אַז דיעזער צוקונפטס־שטרייט איז אין גאַנצען ניט ווערטה קיין שום־פּולווער. אין זייער שאַרפע קריטיק פון היינטיגער געזעלשאַפט זיינען די אַנאַרכיסטען ווערטהפאָלע מיטקעמפּפער. דאַרף מען פערבויגען די שיידונגס־פּונקטען און אַרויסהויבען די אייניגונגס־פּונקטען און אַרבייטען צוזאַמען.

דאָס איז אָבער נאָר געווען מיין מיינונג וועגען די אידישע פּראָפּאַגאַנדאַ אין ענגלאַנד. דאָרטען זיינען די אידישע מאַסען קיין סיטיזענס ניט. קיין וואַהל־אַגיטאַציאָן איז צווישען זיי ניט מעגליך. די גאַנצע סאָציאַליסטישע בעוועגונג צווישען אידען אין ענגלאַנד האָט נאָר געקענט זיין ·אַן אַלגעמיין־סאָציאַלע אויפ־קלערונגס־בעוועגונג און דער טרייד־יוניאָן־קאַמפּף. אין דעם אָבער, האָב איך געשריען, קענען סאָציאַלדעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען

ארבייטען צוזאמען, ווען זיי זאלען נאר פערבויגען די איבערטריי־בונגען איינע געגען די אנדערע.

דיעזע איבערטרייבונגען פון ביידע זייטען זיינען מיר דעריבער געווען פערהאסט מעהר ווי אלעס אין דער וועלט.

דאך, ווענען אמעריקא, וואו אידען האבען (אדער קענען האבען) אלגעמיינעם שטימרעכט, האב איך געוואוסט, אז דער „אונפארטייאישער" שטאנדפונקט פון די „פרייע ארבייטער שטימע" איז אן אונזין. דא איז ניט דער שטרייט בלויז וועגען צוקונפטס־פלענער, נאר וועגען דעם, וואס מען זאל טהאן ש ו י ן ה י י נ ט. די סאציאלדעמאקראטען ווילען אנפיהרען א וואהל־אגיטאציאן, די אנארכיסטען ווילען דאס שטערען מיט אלע זייערע קרעפטען. ווי אזוי קענען זיי אפילו איין שריט געהן צוזאמען?

דעריבער האב איך סימפאטיזירט מיט די „ארבייטער צייטונג". פון וואהל־קאמפף האב איך זעהר געהאלטען — אויב ער ווערט נאר געפיהרט עכט סאציאליסטיש.

איך האב אלזא דעם פארשלאג פון די „פרייע ארב. שטימע", צו קומען זיין איהר סאציאלדעמאקראטישער רעדאקטאר, צוזאמען מיט אן אנארכיסטישען, ענטשיעדען ענטזאגט.

פון דער אנדערער זייט אבער האב איך אויך ענטזאגט אן איינלאדונג צו קומען ווערען מיטארבייטער אין דער „ארבייטער צייטונג". און דאס דערפאר, ווייל אין איהר זיינען געפיהרט געוואָרען פערברעכעריש־איבערטריבענע און אבסאלוט אונעהרליכע אטאקען אויף די אנארכיסטען.

צום ביישפיעל: אין פילאדעלפיא איז געווען א סטרייק פון קלאוקמייקערס. אנארכיסטען זיינען געווען די אנפיהרער. דער סטרייק איז פערלוירען געגאנגען, ווי פיעלע אנדערע. איז ערשיענען אין די „ארבייטער צייטונג" א בעריכט מיט א ריעזיגע קאפ אויף די ערשטע זייט: „פ ע ר פ י ה ר ט!" די אנארכיסטען, הייסט עס, האבען פערפיהרט די סטרייקערס צו א ניעדערלאגע. לעזענדיג דעם בעריכט, איז אבער געווען לייכט צו זעהן, אז עס איז ניט מעהר ווי פערלוימדונגען. דאס האט אין מיר ארויסגערופען די ערשטע צייט, נאך זייענדיג אין ענגלאנד, אן עקעל פאר די אונעהרליכע קאמפפס־ווייזע פון די „ארבייטער צייטונג" אין איהרע ערשטע מאנאטען.

שפעטער בין איך דערגאַנגען, אַז פעראַנטוואָרטליך פאַר דיזע אַלע אונעהרליכקייטען איז געווען איין — לואי מיללער.

כאָטש נגנ. פ. קראַנץ איז געווען דער רעדאַקטאָר, איז אָבער מילער געווען דער לייטענדער גייסט פון דיא „זייטען־רייסעניש“.

דערנאָך איז גענאָסע אַ ב. ק אַ ה אַ ן געוואָרען רעדאַק־טאָר פון דער „ארבייטער צייטונג“. און זיין האַלטונג אין דעם שטרייט געגען די אַנאַרכיסטען האָב איך געפונען אַזוי עהרליך, אַזוי „פעער“, אַזוי געמעסיגט, אַזוי רעכטפערטיג, אַז איך האָב געקראָגען טיעפע סימפּאַטהיע צו דער צייטונג.

צום ביישפּיעל: יאָהאַן מאָסט איז ארעסטירט געוואָרען, האָט קאַהאַן געשריעבען וועגען איהם מיט דער גרעסטער האָך־אַכטונג, אַלס פון אַן עדעלען פּרייהייטס־קעמפּפער וואָס ליידעט פאַר זיינע איבערצייגונגען. טראָצדעם וואָס מאָסט, מיט זיין ליידענשאַפטליכען האַס צו די סאָציאַלדעמאָקראַטען, האָט אין זיין „פרייהייט“ זיי זעהר ניט געשאָנעוועט. דאָס איז מיר אַזוי זעהר געפעלען געוואָרען פון נגנ. אַב. קאַהאַן׳ען, אַז מיין הארץ האָט גענומען קלאַפּען מיט ווארעמע אַכטונג צו איהם. אונטער זיין רעדאַקציאָן האָב איך אָנגע־הויבען צו שרייבען פון ענגלאַנד פאַר די „ארבייטער צייטונג“ און אונטער זיין רעדאַקציאָן בין איך אַהער געקומען זיין זיין מיטאַרבייטער.

אַב. קאַהאַן׳ס רעדאַקציאָן האָט די „ארבייטער צייטונג“ געהוי־בען אין די אַכטונג אויך פון די גענאָסען אין לאָנדאָן, וועלכע האָבען געהאַט זעהר אַ שלעכטען געפיהל צו איהר פריהער — ווען מיללער איז געווען איהר לייטענדער גייסט. פריהער איז אונז דאָרטען קאַהאַן׳ס נאָמען ניט בעקאַנט געווען. זיין בעווייזען זיך אין דער „ארבייטער צייטונג“ האָט אויף אונז געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אונשעצבאַרער געווינס אין דער בעוועגונג. מיר פלעגען בעוואונ־דערען זיין פּראָכטבאַרקייט אויף אַזוי פיעל געביעטען: אַלס פּאָפּו־לאַריזאַטאָר פון מאַרקסיזמוס, אַלס פעליעטאָניסט אין די „סדרות“, אַלס בעלעטריסט אין „מאָטקע אַרבעל“, אַלס אַגיטאַטאָר אין די „צוויי וועלטען“, אַלס פאָלקס־לעהרער אין נאַטור־וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען. דער פערשטאָרבענער גענאָסע גאַלאָפּ האָט זיך אויסגע־דריקט: „דאָס איז אַן אָלל אַראַונד מען“. מיר אָבער האָט בעזאָנדערס אימפּאָנירט קאַהאַן׳ס רעכטפערטיגקייט און מעסיגונג אין זיינע דעבאַטען מיט די אַנאַרכיסטען. ער האָט געגעבען „דהי דעוויל היז

דיו״. אויף אזא עהרליכען פּאָלעמיזאטאָר האָב איך אויסגעקוקט, און אין קאהאן׳ען האָב איך איהם געפונען. ער האָט אויף מיר פון ווייטען געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ וואהרער דזשענטעלמען.

קומענדיג אַהער, איז מיין איינדרוק פון ווייטען מעהר ווי בעשטעטיגט געוואָרען. עס ליעגט נאָך ביי מיר אַ בריעף, וועלכען איך האָב דעמאָלט, מיט 19 יאָהר צוריק, געשריעבען צו מיין אַלטען פריינד ס. קאהאן אין לאָנדאָן וועגען מיין נייעם פריינד אב. קאהאן אין ניו יאָרק. „אַ טהייערער יונגאטש“ שרייב איך...

דעמאָלט זיינען געוועזען די טעג פון יוגענד־בעגייסטערונג אין מיין פּערזענליכען פערהעלטניס צו קאהאן׳ען.

גלייך דאָ מוז איך אָבער זאָגען, אַז די גוטע מיינונג, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט וועגען קאהאן׳ס רעכטפערטיגקייט און „פעער־נעס“ אין שטרייטיגקייטען און פּאָלעמיקען איז ביי מיר אויך שפּעטער, אפילו אין די יאָהרען פון מחלוקה־שטורם, קיינמאָל ניט גאַנץ ערשיטערט געוואָרען, — אַזוי ווייט נעמליך ווי עס בעטרעפט דאָס וואָס עס איז אַרוים פ ו ן ז י י ן פ ע ד ע ר. פּערזענליך און מינדליך איז ער אָפט גענוג אונפעהיג צו קאָנטראָלירען זיין שטורמענדען טעמפּעראַמענט און סענזיטיוויטעט. אָבער מיט דער פעדער אין האַנד איז ער אַ בעזאָנענער זעלבסט־בעהערשטער מאַן און ער וועגט זיינע ווערטער אויף דער וואָגשאָל פון גאָלדענער עהר־ליכקייט. זעהר זעלטען האָט איהם פּאַסירט, אַז וועגען דעם וואָס ער האָט געזאָגט מיט דער פעדער, אין שטרייטיגקייטען, זאָל זיך פּאַסען דאָס דייטשע דיכטער־וואָרט:

„דאָך קוים איזט איהם דאָס וואָרט ענטפאַהרען,
מעכט׳ ער עס איהם בוזען גערן בעוואַהרען.“

מיינונגען זיינען פערשיעדען, און מען קען אויך אין דעם, וואָס ער האָט געשריעבען, געפינען פיעלעס, מיט וועלכען מען קען זיין זעהר ניט איינשטימיג. אָבער זיינע טעות׳ן דערביי זיינען קיינמאָל ניט געווען „געגען בעסערעס וויסען“.

אפילו אין דעם רעכטען ברען און פלאַקער פון דער פרישער שפּאַלטונג האָט מיר קיין זאַך ניט אַזוי טיעף וועה געטהאָן ווי די שיידונג מיט קאהאן׳ען. ביי אַ פערזאַמלונג אין פילאַדעלפיא אין יענער צייט, וואו דע־ליאָן און איך זיינען געוועזען די רעדנער, האָב איך אָנגעהויבען מיין רעדע מיט אַן ערקלערונג פון טיעפען בעדויע־רען וועגען די צושיידונג מיט גענאָסע אב. קאהאן און האָב אויסגע־

דריקט די שטארקסטע האָפנונג, אז באלד און גיך וועלען מיר ווידער שטעהן האנד אין האנד אויף איין פּלאטפאָרמע. דאָס האָט דע־ליאָנ'ען שרעקליך אויפגעבראכט און זיין רעדע נאָך מיר איז אין גאנצען געווען אן אָבשטרייטונג פון דיזע בעמערקונג מיינע — אויף דע־ליאָן'ס שטייגער. „ניין, מיר בעדויערען ניט, מיר גראטו־לירען זיך וואָס מיר זיינען פּטור געוואָרען פון דעם"..... אזוינעם און אזוינעם... „קיינמאָל ווינשען מיר ניט זיך מיט אזעלכע צוריק צונויפגעקומען", א. ז. וו. הכל במנהג דע־ליאָן. פון דעמאָלט אָן בין איך אויך געוואָרען טרפה פּסול ביי דע־ליאָן'ען.

נאָר איך כאפּ דערוויילע די פיש פאר די נעץ.

2.

די טרויעריגע שפּאלטונג אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען צו טלעיען אין יאָהר 1894.

עס איז אן אַלגעמיינער טראָבעל אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פון דער גאנצער וועלט, דאָס די קליינע שטעדט האָבען אַלערליי קלאָגען און אונצופריעדענהייטען געגען די גרויסע שטאָדט, וואו עס איז דער צענטער פון דער בעוועגונג און וואו דער פּארטיי־אָרגאַן ווערט ארויסגעגעבען. דיזע אונצופריעדענהייטען פון די „קאָונטרי" מיט דער „שטאָדט" קומען איבערהויפּט פון דעם, וואָס מען קען ניט אָבגעבען גענוג פּלאַץ אין דעם פּארטיי־אָרגאַן פאר אַלצדינג וואָס די קאָונטרי סעקרעטערע שיקען אריין. יעדער שטעדטעל דוכט זיך, אַז איהרע ד' אמות זיינען די גאנצע וועלט, אַז איהרע פּאסירונגען זיינען גאָט וויים ווי וויכטיג און יעדען סעקרעטער — אַז זיינע שרייבערייען וואָלטען געבראכט די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן מיט ווער ווייסט וויפיעל יאָהרען פריהער. די רעדאק־ציאָן אָבער מוז זיך רעכענען מיט דעם פּלאַץ און מיט די פיעלע פערשיעדענע „קאָונטריעס" און זעהן בעשרענקען דעם פּלאַץ, וואָס יעדע איינע קאָונטרי וואָלט וועלען פערנעהמען, צוליעב דעם אינטע־רעס פון אַלע. דאָס מאכט אַלע „קאָונטריעס" זיין אויפגעבראכט אויף די צענטראַל־שטאָדט און אויף די רעדאקציאָן פון דעם פּארטיי־אָרגאַן. פון אייביגען פערדרוס בילדען זיך אַלערליי פערדעכטי־גונגען און איבערטריבענע בעשולדיגונגען. עס קלייבט זיך אָן פּולווער און עס פעהלט נור א שוועבעלע. ווער עס לעזט די סאָציא־

ליסטישע פרעסע פון פערשיעדענע לענדער א צייט מיט יאָהרען, דער ווייסט, אז אזא אָפּאָזיציאָן פון די לאנד־שטעדט געגען די הויפט־שטעדט קומט פאַר אבזאָלוט אומעדום. און אומעדום האָט עס די זעלבע אורזאַכע.

דאָ איז נאָך חוץ דעם געווען אן אנדערער פונקט: די פיהרער פון אונזער בעוועגונג, מעהר ווי אלע געניאָסע אב. קאהאן און ל. מיללער, האָבען געפיהרט זעהר א פערביטערטען קאמפף געגען דעם איינפלוס פון יאָזעף באַראָנדעס און אנדערע טרייד־יוניאָן־פיהרער אין די יוניאָנס פון די שניידער און קלאָוקמייקערס. דיעזע טרייד־יוניאָן־פיהרער האָבען בענוצט זייער איינפלוס אין די יוניאָנס צו פערלוימדען און פערהאַסט צו מאַכען די סאָציאַליסטען. די סאָציאַליסטישע פיהרער האָט דאָס, מיט רעכט, זעהר געקרענקט. זיי האָבען די יוניאָנס אויפגעבויט, מיט זייער לייב און לעבען האָבען זיי געהאַרעוועט פאַר די יוניאָנס און זייערע קעמפפע, אויף די פּלאַטפאָרמען און אין זייער „ארבייטער צייטונג“, צום סוף קומען אזעלכע גראַביאַנעס, גאָרנישטען, א טהייל פון זיי אונ־עהרליכע מענשען, און בענוצען זיך מיט די יוניאָנס צו האָבען א טהראָן אויף וואָס צו קעניגען און גראָבען געגען די סאָציאַליסטען.

מיללער האָט געפיהרט דעם קאמפף אויף זיין שטייגער, מיט טריקס, אונעהרליך, מיט איבערטריבענע פערדעכטיגונגען. געניאָסע קאהאן איז אויך אין דיעזען קאמפף געווען עהרליך און „פעער“. אָבער היציגער מענש ווי ער איז אין קאמפף, ברענענדיג ווי זיין נשמה איז וואו ביי איהם קומט פאַר אז עס געשעהט אן אונגע־רעכטיגקייט, האָט ער אזוי געגליהט אין דעם קאמפף געגען די יוניאָן־פיהרער, אז ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע — צי ביי א לעקטשור צי ביי אן אגיטאַציאָנס־רעדע — וואו ער זאָל ניט קאָכען זיך וועגען באַראָנדעס'ען און די „בוידזועלעס“ אין די יוניאָנס.

צוליעב דעם האָבען אָט טאַקע דיעזע בוידזועלעס פערשפּרייט אלערליי בלבולים געגען די סאָציאַליסטען וואָס ארום די „ארבייטער צייטונג“. און ווי גרינג עס איז צו פערלוימדען! בפרט פאַר אידישע ארבייטער! אומעדום האָבען זיך געהערט קלאַנגען, אז אין דער „ארבייטער צייטונג“ איז „עפּעס ניט גלאַט“. און די פערביסענע צווישען די אנאַרכיסטען האָבען די קלאַנגען נאָך אונטערגעשטיצט...

פיר די „קאָנטריעס“ איז דאָס געווען די ערשטע פונקען אין זייערע פעסער פולווער. —

גאָר אזוי לאַנג ווי אַלע פיהרער פון דער „ארבייטער צייטונג“ האָבען זיך געהאַלטען פעסט אייניג, האָבען זיי מיט פעראייניגטע מאַכט זיך געשיצט געגען די אַלע פיינדליכקייטען.

האָט זיך אָבער בעדאַרפט טרעפען אזא געשיכטע: מיללער איז געוואָרען א לאָיער. און פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען הערען ביטערע קלאַגען געגען זיינע האַנדלונגען אלס לאָיער. די גענאָסען, וואָס זיינען געווען די גאַנצע טהוערס ביי די „ארבייטער צייטונג“, די ניט „גדולים“, די איינפאַכע אָבער זעהר איבערגעבענע ארבייטער, האָט עס גענומען קרענקען, פאַר וואָס זאָל זייער הייליגע זאַך דיסקרעדיטירט ווערען דורך די האַנדלונגען פון איינעם אין זיין פריוואַט-לעבען — פון איינעם וואָס שטעלט זיך אַלס דער גאַנצער „קאָפּ“ פון די „ארבייטער צייטונג“? און ער האָט דער-פיהלט, אז ער געניסט ניט מעהר די פריהערדיגע קאַמעראַדשאַפט און עס האָט זיך אָנגעהויבען צו טלעיען א שנאה.

מיללער האָט אַלץ געוואָלט שפּיעלען די ראָלע פון א גאַנצען בעל-הבית אין דער „ארבייטער צייטונג“, אָבער די גענאָסען האָבען ניט מעהר קיין חשק געהאַט איהם צו לאָזען.

איינמאָל האָט די ניפּענטסמייקער יוניאָן פון ברוקלין אריינ-געשיקט א בעריכט אין דער „ארבייטער צייטונג“, אין וועלכען עס זיינען געשטאַנען דיעזע ווערטער: „בעשלאָסען אויפצופאָדערען לאָיער מיללער ער זאָל אַטענדען צו די קייס וואָס ער האָט אָנגע-נומען“.

איך וועל יעצט אויסזאָגען דעם סוד, אז איך האָב דיעזע בעמערקונג זעהר שטאַרק אָבגעשוואַכט. געווען איז געשריעבען א שאַרפער און ביטערער פאָרוואורף פאַר מיללער'ן, וואָס ער האָט גענומען געלד און שלעפּט אָב שוין מאָנאַטען און טהוט גאָר ניט אין דער קייס. דאָס האָב איך אַלעס אויסגעמעקט. אָבער איך האָב עס געהאַלטען פאַר ניט עהרליך גאָר ניט צו דרוקען פון דיעזע אויפ-פאָדערונג. מען האָט אזוי אויך גענוג בעשולדיגט די „ארבייטער צייטונג“, אז זי איז מיללער'ס אָרגאַן און איז מיטשולדיג אין זיינע מעשים. דעריבער האָב איך געשטעלט די אויפפאָדערונג, אין דעם געמילדערטען טאָן.

דאַרף זיך טרעפען, אז מיללער קומט אריין אין אָפיס און זעהט

דיעזע נאָטיץ אין די פּרוף. מאַכט ער אַ געשריי און קלאַפּט אין טיש און בעפעהלט די זעצער דאַס ארויסצונעהמען. די זעצער האָבען געמיינט, אַז מיללער איז נאָך אַלץ בעל־הבית און זיי האָבען געפאָלגט. איז אָבער שפּעטער געקומען דער פערוואַלטונגס־ראַטה און האָט דאָס צוריק אַריינגעשטעלט. פון דעמאָלט אָן איז מיללער געוואָרען אַ העטץ־גענעראַל. פעסער פוּלוּוער זיינען געווען געגוג, האָט ער גענומען וואַרפען שוועבעלעך רעכטס און לינקס.

דעם ערשטען שטורם האָט ער געמאַכט ביי די קאָנווענשאָן פון די אידישע סעקציאָנען אין נוארק נ. דזש. אין יאָהר 1893. ער האָט גענומען אויפבלאָזען די אונצופריעדענהייט פון די „קאָונטרי“ געגען ניו יאָרק און די „ארבייטער צייטונג“. דאָרטען האָט ער צום ערשטען מאָל אַריינגעבראַכט אין דער בעוועגונג דאָס וואָרט „קליקע“. ער האָט נעמליך געזאָגט, אַז ארום דער „ארבייטער צייטונג“ האָט זיך געבילדעט אַ קליקע פון — גאָט ווייס וואָסערע שרעקליכע נפשות. ער האָט זיינע בעשולדיגונגען פאָרגעבראַכט אויף אַזאַ פערשלייערטען אַרט — ווי מיללער'ס שטייגער איז — אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, דאָס „מיללער אַליין“ גיט זיין הסכמה אויף אַלע די קלאַגען און פערדעכטיגונגען, וואָס די יוניאָן־„בווידזעלעס“ צוזאַמען מיט די אַנאַרכיסטען האָבען פערשפּרייט.

פון דער אַנדערער זייט איז די זאָגענאַנטע „קליקע“ געווען צו אַררעגאַנט. אין צאָרן אויף די פערדעכטיגונגען צוליעב זייער טרייע ארבייט פאַר די זאַך האָבען זיי אויף די געשרייען פון די „קאָונטרי“ געענטפערט מיט פעראַכטונג: „ניט אייער טאַטענ'ס ביזנעס!“

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען די מחלוקה.

גענאָסע אב. קאהאן איז דעמאָלט געווען פערזענליך בעפריינדעט מיט מיללער'ן. ער האָט מיללער'ן נאָך ניט פערשטאַנען. דאָך האָט זיך קאהאן ניט געשטעלט ענטשיעדען אויף מיללער'ס זייט. זיין גערעכטיגקייטס־געפיהל האָט איהם ניט דערלאָזט פערבלענדעט ווערען פון זיין פריינד.

אָבער — דאָס איז קאהאן'ס נאַטור: זיין גערעכטיגקייטס־געפיהל, וועלכער לאָזט איהם ניט ווערען איינזייטיג פערבלענדעט אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך ניט ענטפלאַמט, אָט דיעזער גערעכטיגקייטס־געפיהל מאַכט איהם ערשט רעכט שרעקליך איינזייטיג פערבלענדעט, ווען ער ענטפלאַמט זיך אין איהם. ווען ביי איהם קומט

אוים, אז עס געשעהט א קריוודע און ער ווערט פערזענליך שטארק פעראינטערעסירט אין דעם, ווערט ער אן אויפגעקאכטער, ווי א קעסעל־גרוב, און דאן האט ער שוין אויף קיין זאך קיין ריקזיכט ניט. איידער עס זאל געשעהן אן עולה, זאל שוין די גאנצע וועלט צו גרונדע געהן. איהם ארט שוין דאן גאר ניט!

דא איז דער פונקט, וואו ער און איך האבען זיך זייט דעמאלט אזוי אפט ניט געקענט צוזאמענקומען. מיין טענה איז אימער, אז מיר זיינען ניט אין דער סאציאליסטישער בעוועגונג אום צו זוכען פערזענליכע גערעכטיגקייט. מיר זוכען דא צו געווינען מאכט פאר סאציאלע גערעכטיגקייט פאר די גאנצע ליידענדע מענשהייט. כדי אבער, אז די ביסעל מאכט, וואס מיר בויען אויף קוים מיט צרות, זאל בלייבען גאנץ, איז נויטיג, אז מיר זאלען אפט אראבשלינגען פערזענליכע קריוודעס איינע פון די אנדערע, און אריבערטראגען ווי אנדערע צווישען אונז ליידען קריוודעס, נאך אונזער מיינונג. ווארים נאך אלע מעשיות זעהען אנדערע דאך ניט מיט מיינע אויגען. וואס ביי מיר קומט אוים א קריוודע, קומט אוים ביי אנדערע חברים א גערעכטיגקייט. אלזא, דארף מען אפט אראבשלינגען און פערשווייגען און געלאסען זוכען אנדערע חברים צו איבערציינגען, ביז די מאיאריטעט וועט איינזעהן אז אזוי איז רעכט און ניט אזוי. דערווייל מוז מען דולדען, אבי די גאנצקייט און דאס אנזעהן פון אונזער בעוועגונג צו שאנעווען. זאל דערווייל דאס מייניגע איבער־געהן, אבי זאל זיין שטיל, פריעדליך.

גענאסע אב. קאהאן אבער האט די זאך אנדערש פערשטאנען. זיין טענה איז אימער: „איך בין אין דער בעוועגונג אוים אינטערעס אין גערעכטיגקייט, ווען אבער איך מוז אין דער בעוועגונג גופא אריבערטראגען אדער צוזעהן אונגערעכטיגקייט, האב איך איהר ניט פאר וואס צו שאנעווען!“ און אין דיעזער היציגקייט ווערט ער אפט איינזייטיג פערבלענדעט.

היינט פערשטעהע איך, אז דאס צייגט, נאך אלעמען, אויף א זעהר איידעלע און סימפאטישע סטרונע אין קאהאן'ס נשמה: די שטורמענדסטע, קאכעדיגסטע ליעבע צו גערעכטיגקייט, אזוי ווי ער פערשטעהט זי. אין די שטורם־יאהרען האבען מיר דאס ניט פער־שטאנען. מיר האבען זיך איינע די אנדערע ניט פערשטאנען. ווען קאהאן האט אנגעהויבען פיהלען, אז די „קליקע“ — ווי מיללער האט א נאמען געגעבען דעם באנטש ארבייטער גענאסען, וואס זיינען

דורך זייער איבערגעבענע טהעטיגקייט געוואָרען די בעלי בתים פון דער „ארבייטער צייטונג" (און שפּעטער אויך דאָס „אבענד בלאַט") — אַז די „קליקע" בעגעהט אונגערעכטיגקייטען, נאָך זיין מיינונג, האָט זיך פאַר איהם שוין „געעקט די וועלט".

איך האָב נאָר געזעהן איין אונגערעכטיגקייט — די „קליקע'ס" אַראַנזשמענץ געגען די מאַסע אידישע פאַרטיי מעמבערס; זייער ענטפער צו זיי „ניט אייער טאַטענ'ס עסק". איך האָב געפאָדערט ריקזיכטספאָלע בעהאַנדלונג פון די מאַסע גענאָסען. אויך האָב איך געגעבען די מאַסע גענאָסען רעכט אין זייער קלאַגע, אַז דאָס „אבענד בלאַט" איז ניט גענוג סאָציאַליסטיש. אין דיעזעביידע פּונקטען האָב איך געפאָדערט מען זאָל נאָכגעבען די מאַסע גענאָסען. דיעזע צוויי פּונקטען האָב איך פערטהיידיגט פאַר אַן ארביטריישאָן קאָמיטע פון פּראָמינענטע ניט־אידישע גענאָסען. און נאָר שפּעטער, ווען דער ענדליכער ברוך איז געקומען, בין איך געבליבען מיט דער בעוועגונג און געגען דער אָפּאָזיציאָן בתנאי, אַז מען זאָל נאָכגעבען דיעזע צוויי פּונקטען. און מען האָט נאָכגעגעבען: די גענאָסען האָט מען געגומען געבען ריקזיכטספאָלע שאָנעוונדע ערקלערונגען און מיר האָט מען איבערגעגעבען אַריינצוברענגען מעהר סאָציאַליזמוס אין „אבענד בלאַט" אריין. דאַן בין איך געבליבען ארבייטען אינ־סייד געגען דע־ליאָן'ס קרומקייטען, ביז מיר האָבען איבערגעוואָר־נען די מאַיאָריטעט פון דער פּאַרטיי אויף אונזער זייט. און דאַן האָט זיך דע־ליאָן מיט זיין מינאָריטעט אָבגעשפּאָלטען און געזעצליך געוואונען דעם פּאַרטיי־נאָמען (מיט דער אויסדריקליכער ערקלערונג פון דעם ריכטער, אַז ער ענטשיידעט אַזוי ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַנדערע זייט האָט די מאַיאָריטעט מעמבערס).

ווי ווייט נאָר מעגליך, אַלזאָ, האָבען מיר געהיט די לאָיאַלי־טעט און דיסציפּלין פון דער סאָציאַליסטישער אייניגקייט.

גענאָסע קאהאַן אָבער האָט די זאַך אַנדערש געזעהן, מיט זיין קאָכעדיגע נשמה. און מיר זיינען ליידער פיעלע יאָהרען געבליבען צושיידעט.

אָבער אפילו אין דיעזע ביטערע יאָהרען האָב איך אימער בעמערקט מיט הויך־שעצונג, ווי קאהאַן פיהרט דעם קאַמפּף מעשה דזשענטעלמען. אַלע שענדליכקייטען אין דעם קאַמפּף פון דער אָפּאָ־זיציאָנס זייט זיינען געקומען פון מיללער'ן און זיינע קאָנזשעניאַלען (אייניגע פון זיי זיינען נאָך היינט זיינע משמשים). קאהאַן'ען איז

זעהר באלד דערעסען געוואָרען מיללער'ס שטיק און די אייביגע קריעגעריי און ער האָט זיך אויף עטליכע יאָהר דערווייטערט פון דער אָפּאָזיציאָן און פון דער גאַנצער אידישער בעוועגונג.

אין די רייהען פון די „לאַיאַלע“ האָב איך אימער גענומען קאַהאַן'ען אין שוץ. איין מאָל, ווען אין „אבענד בלאַט“ איז ערשיע־נען א העסליכע בעשולדיגונג געגען איהם, האָב איך געמאַכט א שטאַרקען „קיק“ און א קאָרעקציאָן האָט געמוזט געמאַכט ווערען.

און ווי נאָר די אומשטענדען האָבען זיך געענדערט, האָב איך גענומען אָגיטירען פאַר שלום. און ווי נאָר איך האָב מיך בעגעגענט מיט געגנאָסע קאַהאַן'ען, האָב איך איהם, פון מיין זייט, מיט אויפ־ריכטיגע קאַמעראַדשאַפטליכקייט דערלאַנגט די האַנד.

און וואָס עלטער מיר זיינען געוואַקסען און וואָס געזעצטער מיר זיינען געוואָרען, איז מיר אַלץ קלערער און קלערער געוואָרען די סימפּאַטישע זייט אין קאַהאַן'ס סאַמע חסרון, אין זיין צוקאָכעניש און ריקזיכטסלאָזיגקייט, וואו איהם שיינט צו זעהן אַן עולה. איך שטים ניט היינט מיט זיינע ריקזיכטסלאָזע האַנדלונגען אין אַזעלכע מאָמענטען מעהר ווי אַמאָל. אָבער איך וויים צו שעצען א העכסט סימפּאַטהישע זייט אין זיי.

עס קומט אוים ווי די גמרא זאָגט: ביי דריי געלעגענהייטען קען מען א מענשען דערקענען, ביי זיין כוס, ביי זיין כיס (געלד־זאַכען) און ביי זיין כעס. „כוס“ און „כיס“ קומען ביי אונזער יובילאַר נאַטירליך גאָר ניט אין בעטראַכט. כעס אָבער גראַדע יא. אָבער אין איהם דערקענט מען אפילו אין זיין כעס א זעהר סימפּאַ־טישע זייט — ווען מען קוקט נאָר דערויף מיט בערוהיגטע, געזעצטע אויגען פון די עלטערע און ערפאַהרענערע יאָהרען.

ווי איך בין געוואָרען א סאָציאַליסט.

פון אב. קאהאן.*)

דער רעדאקטאָר פון דער „אידישער ארבייטער וועלט“ האָט מיך איינגעלאַדען צו דערצעהלען ווי אזוי איך בין געוואָרען א סאָציאַליסט. צו ערפילען דיעזע אויפגאַבע איז ניט לייכט, ווייל די איבערקעהרעניש איז אין מיר געוואָרען ניט דורך איין ספּעציעלע אורזאַכע, נור דורך א גאַנצען פּלאָנטער פון אורזאַכען — פון איינ־דריקע, צושטענדע, איינפלוסען, סיטואציאָנען.

ווען אין א מענשען קומט פאָר א גרויסע גייסטיגע ענדערונג, איז איבערהויפּט שווער צו טייטלען מיט׳ן פינגער אויף איין בעשטימטען פאַקט, וועלכער האָט דיעזע רעוואָלוציאָן פעראורזאַכט. זעהר פיעלעס ווענדעט זיך אָן דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענשען, אָן זיינע נייגונגען, אָן די זאַכען וועלכע אינטערעסירען איהם, וועלכע רופען ארויס פראגען, א דורשט צו וויסען אין איהם. געוועהנליך ווערט מען א סאָציאַליסט דורך א נעץ פון ערפאַהרונגען און ווירקונגען, אויסערליכע און אינערליכע.

דאָך שפּיעלט איין פאַקט אָדער א רייהע פון פאַקטען אין אזא פאַל א שטאַרקערע ראָלע ווי אַנדערע ערשיינונגען, וואָס נעהמען אָן אנטהייל אין דעם. איך וועל דערינבער פּרובען איבערצוגעבען די פּאָאַר פּאַסירונגען, וואָס האָבען דיזע סאָרט ראָלע געשפּיעלט אין דער געשיכטע פון מיין בעקעהרונג צום סאָציאַליזמוס, און בעשרייבען דעם צושטאַנד אין וועלכען איך האָב זיך געפונען די ערשטע טעג אָדער וואָכען, ווען מיין בעוואוסטזיין איז געווען דורכ־געדרונגען מיט דעם נייעם דאָס איך בין א סאָציאַליסט.

דאָס איז געווען אין יענע צייטען, ווען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין רוסלאַנד איז נאָך געווען יונג. די אידען־פראַגע איז

*) געדרוקט געוואָרען אין 1908 אין די שיקאַגאָ׳ר „ארבייטער־וועלט“, פון וואַנען דאָס ווערט דאָ איבערגעדרוקט.

געוועזן א פערעלטערטע קריינק. קיין פּאָגראָמען זיינען נאָך דאַן ניט געוועזן (אין אָדעס איז מיט יאָהרען פריהער פאָרגעקומען א בעפאַל אויף אידען אין וועלכען עס האָבען זיך, הויפּטזעכליך, בעטהייליגט גריכען. אבער אויף דעם האָט מען געקוקט ווי אויף אַן אויסנאַהם־זאַך). ווייטער איז מען צוגעוועהנט געווען, אַז ווען די קריסטען פייערען זייער פּסח (קייסאַך), צום ביישפּיעל, דאַרף א אידישער באַי ניט קריכען אין יענע גאַסען, וואו עס געפינען זיך א סך קריסטען, וויל מען וועט איהם געווים אָנברעכען די ביינער. די רעוואָלוציאָנערע וועלט איז געווען אַן אונטעראירדישע וועלט, און פון איהר האָב איך ביי מיין פּאָטער אין שטוב נאַטירליך ניט געהערט.

נור איינמאָל, חול המועד פּסח, האָט זיך פּאַנאַנדערגעטראָגען א קלאַנג, אַז די פּאָליציי און זשאַנדאַרען זיינען אַריינגעפאַלען אין עטליכע אידישע הייזער, און דאָרטען געמאַכט „אָביסקעס“. די שטאָדט האָט געקאָכט מיט דער געשיכטע, מען האָט ארעסטירט דעם חזן׳ס זוהן — א געשטודירטער יונגערמאַן און א העברעער דערצו — און עטליכע אנדערע יונגע לייט. מיין מוטער איז געווען פּעראינטערעסירט אין דיזער געשיכטע, הויפּטזעכליך דורך דעם פאַקט, וואָס דער זוהן פון איהרען א גליעד־שוועסטערקינד איז אַנטלאָפען. זי האָט פיעל דערצעהלט וועגען דעם אָביסק, און אַזוי ווי היינט געדענק איך ווי איהר קול האָט געקלונגען, ווען זי האָט געדעדט די ווערטער: „ביי דעם הייקער אין קופערטעל האָט מען אום פּסח געפונען א לעבעל ברויט מיט א ביכעלע, און אין ביכעלע איז געשטאַנען: „באָגו ניעטו א צאַרא נע נאַדאַ“, קיין גאָט איז ניטאָ און קיין קיסר דאַרף מען ניט. (די רוסיש איז ניט קיין גאַנץ גוטע, אָבער קיין בעסערע האָט מיין מאַמע ניט געקענט.)

דער „הייקער“ איז דאָס געווען דעם חזן׳ס זוהן, און ער איז דאָס געווען דער אָנפיהרער פון דעם ערשטען ניהיליסטישען קרוזשאָק אין מיין שטאָדט.

איך בין דאַן געווען א צו יונגער אינגעל אַז די געשיכטע זאָל אויף מיר האָבען א דייטליכען איינפלוס. דאָך געדענק איך, ווי פיעלע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך וועגען אנדערע זאכען ניט געקענט קלעהרען.

„קיין גאָט איז ניטאָ, און קיין קיסר דאַרף מען ניט“... די צווייטע האַלבע איז מיר אויסגעקומען ווילד; ווי קען מען דאָס אויסקומען אָהן א קיסר? די ערשטע האַלבע האָט מיר שוין

גערדעהט מיין יונגען מח פון לאנג. איך און א פּאָאר חברים מיינע האָבען דאן שוין ציעמליך פעסט געריזט אויפ'ן וועג צו אפיקורסות. אז די פראזע האָט פערזעעט קערנער אין מיין הארצען — איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט.

שפּעטער האָב איך געשטודירט אין א לעהרער־שולע, וואו מיר זיינען געווען אויף קאזיאָנע באָרד און לאָזשי. דער דירעקטאָר איז געווען אן איינגעוואָרצעלטער אנטיסעמיט און גלאט א מערדער. ער האָט אונז בעהאנדעלט זעהר שלעכט, ער האָט ליעב געהאט זיך צו באָדען אין אונזערע צרות. ער און איינער פון די לעהרער האָבען ארויסגערופען אן אונבעשרייבליכען האס אין אונז אלעמען. דער לעהרער איז געווען א גרויסער עם הארץ און מיר האָבען עס פערשטאנען. זיינע לעסאָנס זיינען געווען זעהר לאנגווייליג. אלזאָ, האָט ער מיך איינמאָל געכאפּט לעזענדיג גאָר אנאנדער בוך אין זיין שטונדע. ער האָט געמאכט א ליארם, און ביי מיר האָט געפּלאצט די געדולד, און איך האָב איהם געזאָגט א פּאָאר שארפע ווערטער דאגעגען. פאר דיזער קלייניגקייט האָט מען גערופען א ספּעציעלען מיטינג פון אלע טיטשערס, און מען האָט מיך פער־אורטהיילט צו בלייבען „אָהן א בילעט" עטליכע מאָנאט נאכאנאנד. אָהן א בילעט האָט מען ניט געקענט ארויסגעהן אויף דער ווייסער וועלט, זאָגאר איין מאָל אין וואָך, ווען די אנדערע באָיעס געהען יא ארויס.

דעם ערשטען טאָג, וואס איך בין געבליעבען איינער אליין, האָט אין מיר געקאָכט מיין בלוט, און מיין יונגער מח'ל האָט אין מיר געארבייט. דער טיראנישער דירעקטאָר און דער לעהרער זיינען דאן געווען די פּאָרשטעהער פון דער גאנצער רעגיערונגס־מאכט, אלזאָ, האָב איך גענומען האסען דעם גאנצען אָרגאניזירטען דעספּאָ־טיזמוס, וועלכער הייסט מלוכה, מיט דעם קיסר אויף דער שפּיצע.

אנאנדער לעהרער אונזערער, (דער לעהרער פון נאטור־וויסענ־שאפט און פיזיק) איז געווען א גוטהערציגער. ער איז ווירקליך געווען א סימפּאטהישער מענש, און מיר האָבען איהם אלע זעהר געליעבט. דיזען מאן האָט אָבער דער דירעקטאָר שטארק פער־פאָלגט, דאס האָט פערשטארקט אונזער ליעבע צום דעם אָפּפער און אונזער האס צו זיין פערפאָלגער.

גראדע אין דעם ערשטען טאָג וואס איך האָב פערבראכט אין איינזאמקייט נאך יענער געשיכטע, אלס איך בין אומגעגאנגען

איבער דעם גרו׳סען יארד, טראַכטענדיג וועגען די טיראַניי פון די נאַטשאַלסטוואָ, איז דורכגעגאַנגען דיזער לעהרער (דער יארד איז געווען אַ „דורכהויף״ מיט טויערען פוןביידע זייטען). ער איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך גענומען גלעטען איבער די האָאר, און אויס־דריקען סימפּאַטהיע צו מיר. מיין הארץ איז אויסגעגאַנגען פון ליעבע צו איהם, און אַ פלוך אויף זיינע פערפאָלגער און מיינע פערפאָלגער און די אַלע פערפאָלגער פון גאַנץ רוסלאַנד האָט געברענט אין מיין הארצען. איך געדענק דייטליך, אז איך האָב זיך דאַן עראינערט אָן די ווערטער: „קיין גאָט איז ניטאָ, און קיין קיסר דארף מען ניט״.

דאָך קלאָר זיך פאַרגעשטעלט ווי ווייט דיזע ווערטער דער־גרייכען, האָב איך דענסטמאָל נאָך ניט. איך האָב זיך ניט געשטעלט קיינע פיעלע פראַגען: אז די פיהרונגען פון דער וועלט וואָלטען געמוזט איבערגעמאַכט ווערען — האָב איך זיך ניט פאַר־געשטעלט. מיינע געדאַנקען זיינען צו שטאַרק געווען קאָנצענטרירט אויף דער שמאָלינקער וועגעלע פון דער לעהרער־שולע.

שפּעטער, ווען איך בין שוין פריי געווען פון מיין שטראָף, האָב איך אַמאָל אין גאַס זיך בעגעגענט מיט אַ באַי אין מיינע יאָהרען, וואָס איז מיט אַ יאָהר צוריק געווען מיינער אַ שילער. מיר האָבען זיך זעהר געליעבט איינער דעם אַנדערען, און ער האָט מיר בעגעגענט מיט גרויס פרייד, אָבער דאָך האָב איך בעמערקט אָן ענדערונג אין זיין האַלטונג — עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך ארומטראָגען מיט אַ סעקרעט. איך בין אוועק פון איהם אָן אונצופריעדענער, אזוי ווי אַ געהיימנים וואָלט מיך פערפאָלגט. שפּעטער אביסעל האָט ער מיך אויפגעזוכט. ער האָט ניט געקענט רוהען, וואו ער וועט זיין געהיימנים פאַר מיר ניט ענטפּלעקען. די אורזאַכע דאַפיר איז געווען זיין פריינדשאַפט, אָבער אויך דער בעגעהר צו צייגען זיין געוועזע־נעם לעהרער, אז איצט איז פאַראַן עפּעס אַ וויכטיגע זאַך, וואָס ער קען איהם לערנען.

דיזע וויכטיגע זאַך, דיזע געהיימנים איז געווען דער אינהאַלט פון אַ רעוואָלוציאָנערען ביכעלע, וועלכען מיין שילער און חבר האָט בעקומען פון זיינעם אַ נייעם לעהרער. דער ביכעלע האָט ענטהאַל־טען אַ געדיכט פון נעקראַסאָוו׳ן, וועלכע דער צענזאָר האָט אין יענע צייטען נאָך פערבאָטען. די געדיכט הייסט, „וועמען לעבט זיך גוט

אין רוסלאנד", און איצט ווערט זי פריי געדרוקט צוזאמען מיט אלע איבריגע זיינע שריפטען.

ווען איך האב בעקומען די בראשורקע, האט מיך דורכגענומען א נייער געפיהל. ווי אן עלעקטרישער שטראם האט עס מיך דורכגענומען. איך האב געהאלטען דעם ביכעלע אין האנד, און איך האב געפיהלט ווי מיינע פינגער ריהרען אן די גרעסטע הייליגטהום אין דער וועלט. איך האב עס אוועקגעטראגען אהיים (עס איז געווען וואקאציע צייט, און איך האב די עטליכע וואכען פערבראכט ביי מיינע עלטערן) און איך האב די גערדיכט געלעזען מיט אן אונבעשרייבליכע עהרפורכט. געלעזען איינמאל, און א צווייטען מאל, און א דריטען מאל — געלעזען און געזוכט א פערבארגענעם געדאנקען. נייע וועלטען האט מיר געעפענט דער ביכעלע. עס איז אבער ניט געווען גענוג. ער האט אין מיר אויפגעוועקט טויזענדער געפיהלען און פראגען, עס האט מיך בלויז צורייצט.

מיין געוועזענער שילער האט מיר דאן אויסגעזאגט, אז אן אנדער חבר אונזערער קען אויך קריגען אזעלכע ביכלעך. איך האב זיך באלד געזעהן מיט יענעם, און ער האט מיר גלייך פערשאפט א גאנצען בארג מיט סחורה. אונטער דעם איז געווען א נומער „זעמליא אי וואליא", וואו עס איז געווען בעשריעבען ווי עטליכע רעוואלוציאנערען און רעוואלוציאנערקעס זיינען בעפאלען אויף זשאנדארען און געפרואווט בעפרייען פון זייערע הענד וואינעראלסקי'ן, א בעריהמטער רעוואלוציאנער פון יענע צייטען, וועלכען זיי האבען געפיהרט אין סיביר. די גאנצע קאנספיראציע איז געווען בעשריעבען מיט איינצעלהייטען, און עס האט אויף מיר געמאכט אן איינדרוקבארען עפעקט. אמעריקאנער באיעס שלאפען ניט קיין נעכט לעזענדיג וועגען די „עדוועגטשורס" פון ווייסע, וואס ראטעווען זיך פון אינדיאנער. לעגט צו דיעזען סארט ליידענשאפטליכען אינטערעס צו דעם געפיהל פון דאס העכסטע הייליגטהום, און איהר וועט זיך פארשטעלען אין וואס פאר א גייסטיגען צושטאנד איך האב געלעזען יענעם ארטיקעל.

דערזעלבער צווייטער חבר (זיין נאמען איז ב...) האט מיר אויך געקראגען א נומער פון דעם אלטען רעוואלוציאנערען זשורנאל „וופעריאד" (פארווערטס) וואו עס איז געווען אבגעדרוקט א בעריהמטע גערדיכט פון א מאן, וואס האט שפעטער פערבראכט צוואנציג יאהר פון זיין לעבען אין שליסעלבורג. אין דיזער גערדיכט

איז געווען פאַרגעשטעלט ווי דריי קעניגע הערשען איבער דער וועלט: קעניג הארמאט, קעניג קאַפּיטאַל, און קעניג צלם. — דיעזע גערידכט האָט אויף מיר אַ טיעפען, טיעפען איינדרוק געמאַכט.

איבערהויפּט בין איך גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען. די וועלט האָט פאַר מיר אַ גאַנץ נייעם אויסזעהן בעקומען. עס דאַרפען ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרעמע, קיין הערשער און קיין שקלאַפען. דאָס לעבען איז געבויט אויף אונגערעכטיגקייט, און דאָס אַלעס מוז אָבגעשאַפט ווערען. פון די אונגערעכטיגקייט שטאַמען ארויס די מייסטע אונגליקען, די מענשהייט איז פול מיט קרבנות, דאָס אַלעס דאַרף איבערגעביטען ווערען, אַלע דאַרפען זיין גלייך, אַלע דאַרפען זיין ברידער, אַלע דאַרפען זיין פריי. עס דאַרף שיינען אַ לעבען פון גליק, פון ליעבע, פון פערשטאַנד, פון אמת, פון יושר, פון פאָרטשריט... עס קען אַזוי זיין, עס וועט אַזוי זיין, עס מוז אַזוי זיין... מענשען דאַרפען בלויז זיך נאָר אַ שטעל טהאָן און די צויבער־ענדערונג וועט שטאַטפינדען...

עס איז אונמעגליך איבערצוגעבען אין וואָס פאַר אַ גייסטיגען צושטאַנד איך בין דאַן געווען. אַזוי ווי אַ פער'כשופ'טער האָב איך זיך ארומגעטראָגען, איך האָב די ערד אונטער זיך ניט געפיהלט. די זון האָט גאָר מיט אַנדערע קאָלירען געלויכטען פאַר מיר. מיינע אַלטע בעקאַנטע האָבען פאַר מיר גאָר אַן אַנדער פנים בעקומען. דאַכט זיך די זעלבע מענשען, און דאָך ניט די זעלבע.

אַ מין רעליגיעזע התלהבות האָט אין מיר געבּרענט. איך האָב גערעדט גאָר מיט אַן אַנדער קול, איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט.

מיט אַ פּאָאַר יאָהר פריהער, ווען איך האָב פון זיך אַראָבגע־וואָרפען דעם רעליגיעזען לאַסט, בין איך אויך געווען אין אַ צו־שטאַנד פון פרייד, פון בעגייסטערונג, עס איז אָבער קיין פערגלייך ניט געווען צו די געפיהלען מיט וועלכע איך האָב זיך ארומגעטראָגען איצט, ווען פאַר מיר האָבען זיך אויפגעעפענט די וואַרהייטען אין בעצוג אויף דעם מענשליכען לעבען אויף דער ערד. אַזוי ווי אַ פער־טרוימטער בין איך געווען פון התפעלות, פון אינערליכען גליק. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געפונען פון אונרוהיגקייט. די הארץ האָט געדורשט. איך האָב זיך געריסען אַנדערע מענשען צו ערקלע־רען דעם אמת, יעדען פערבייגעהער אויפ'ן סטריט האָט זיך מיר געוואָלט אָבשטעלען און אויסשרייען, אַז ער און די גאַנצע וועלט זיינען פערנאַרט — אויסשרייען און ערקלערען ווי די וועלט דאַרף

זיך פיהרען, ווי ליכט עס איז דאס אויפצוטהאן ווען אלע מענשען זאלען נאר פערשטעהן און וועלען.

נאר געהן פראפאגאנדירען פאר יעדען פערבייגעהער איז אין רוסלאנד אונמעגליך. דער קרוזשאק אין וועלכען איך בין אנגעקומען איז, נאטירליך, געווען א געהיימער, און איינע פון די ערשטע בעדינגונגען איז געווען ניט צו האבען קיין לאנגען צונג, צו זיין קאנספיראטיוו.

גון, איז די וועלט אין מיין געדאנקען צוטהיילט געווארען אויף צוויי וועלטען: „אונזערע", דאס הייסט, די וואס זעהען דעם אמת און ווילען די וועלט איבערמאכען, און „ניט אונזערע" — די בלינדע, די טויבע, די צופריעדענע. די קליינינקע וועלטעלע פון „אונזערע" איז געווען די גרויסע, ברייטע וועלט, די ליכטיגע, די הייליגע. די מיליאנען, מיליאנען אנדערע מענשען זיינען געווען די וועלט פון פינסטערניש, אידיאטסטווא. ווען איך פלעג אין גאס בעגעגענען א בעקאנטען, וואס האט ניט בעלאנגט צו „אונזערע", פלעג איך אויף איהם קוקען מיט א ספעציעלען סארט מיטלייד און פעראכטונג, אזוי ווי אויף א ניעדריגערע בעשעפעניש. צו דער זעלבער צייט האט מיין רעליגיעזע בעגייסטערונג מיט די נייע אידעע מיר געמאכט פאר אן עניו, פאר א גוטמוטהיגען, טאלעראנטען. איך האב גערעדט מיט אלעמען ווייך, פריינדליך, אבער אימער מיט א געפיהל פון מיטלייד.

אין טאלסטאי'ס ערצעהלונג „פאמיליען גליק" ווערט פארגעשטעלט די גוטהערציגקייט און פרומקייט, וועלכע בעהערשט די העלדין, ווען זי ווערט פערליעבט און פערלאבט. זי טהיילט איבער'ן דארף געלד, זי טהוט פיעלע גוטע זאכען פאר די בויערען, און דערביי מאכט זי אז זיי זאלען ניט וויסען, אז זי טהוט עס. זי רעדט שטיל, זי געהט אויף די ציפקעלעך. אויף דיזען ארט האט זיך אין איהר אויסגעדריקט איהר ליעבעס בעגייסטערונג; אויף אן עהנליכען ארט האט זיך אויסגעדריקט מיין בעגייסטערונג מיט דער נייער אידעע. איך בין אומגעגאנגען ווי א פערליעבטער.

איך וויים ניט, וואס שפעטער איז געווען, אויף דערווייל, אין די ערשטע וואכען פון מיין בעקעהרונג צום סאציאליזמוס, האט אונזער אידעאל געווים מיר פאר א בעסערען מענשען געמאכט.

ווי זים יענע טעג זיינען געווען!

מיין ערשטער חבר, מיין געוועזענער שילער, איז שוין לאנג

געשטאָרבען. מען האָט איהם אַרעסטירט, און ער האָט זיך געשאָסען. מיין צווייטער חבר ב. וועלכען איך האָב הויפּטזעכליך צו פערדאַנקען מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, איז אין ניו יאָרק. מיר זיינען געקומען אין אַמעריקא אין דער זעלבער צייט. ער איז טריי געבליבען אונזערע אידעען. ער איז אַן אמת געבילדעטער און ענטוויקעלטער מענש, און ער איז עד היום איינער פון די בעסטע פריינד, וואָס איך האָב.

אב. קאַהאַן צו זיין פופציג יעהריגען יובילעאום.

פון מאָררים ראָזענפעלד.

דאָס איז שוין לאַנג צוריק געווען
ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דעריזעהן.
מען האָט נאָך דאַן געלעגט דעם פונדאַמענט
פון נויאָרק'ס גייסטיג-אידישען קוואַרטאַל.
געווען ביזטו דער ערשטער מאָרגען-שטראַהל,
וואָס האָט געגלאַנצט אין יונגען פירמאַמענט.
מיר האָבען זיך געדריקט די גלות-הענד.
דו האָסט שוין דאַן אין ענגליש אונטעררִיכט
און איך — אין „סוועט-שאָפּ" אַנגעצונדען ליכט.

דאַן האָב איך דיך געזעהן בעגייסטערונג
פערקערפּערט אין אַ רעדנער הייס און יונג.
פאַר אַרבייטער האָסטו מיט האַרץ גערעדט,
אַן עולם האָט געהערט און אַפּלאָדירט.
אַ הייליגקייט האָט זיך אין זאַאַל געריהרט.
געוועקט אין מיר דעם אַרבייטער-פּאָעט.
דאָס איז אַ שבת-טאָג געווען, ביז שפּעט
האָסטו געדונערט אחדות' גרויסען וואָרט,
וואָס האָט בעשאַינט די דונקלע מאַסע דאָרט.

דאַן האָב איך דיך מיט פרייער, לייכטער פען
אין אונזער יונגער ליט'ראַטור דעריזעהן.
פאַר די בערויבטע אַלס אַן אַדוואָקאַט,
פאַר די פערצאָגטע אַלס אַ נייע טרייסט.
האָסט אומער אין הומאָר זיי אויפגעלייזט;
אין „סדרות" פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט,
האָסט ניי גע'דרשנ'ט אויף דעם אַלטען פּשט...

דאָן האָסטו שעקספיר'ס עדלע שפראַך געניצט
און אין די ווייטסטע ספערען אויפגעבליצט.

דאָך ניט אויף לאַנג, עס האָט די מוטער־שפראַך
געבראַכט צוריק דיך פאַר די גוטע זאַך:
אַלס קעמפפער פאַר דעם שוואַכען'ס רעכט;
אַלס מח פון דעם אביון'ס בלאַט. —
אַזוי, אַ, אַרבייטסטו און ווערסט ניט מאַט,
דו שאַפסט פאַר די פערשוויצטע, איד'שע קנעכט,
וואָס זיינען מעהר ניט פריי ווי דורך די נעכט.
דו האָסט זיי אַ טריבונע אויפגעשטעלט
צו ריידען פרייהייט אין דער נייער וועלט.

נו, ביזטו איצטער פופציג יאָהרען יונג,
פון עלענד'ס גאָס די פייערדיגע צונג.
דער זעלבער דונער און דער זעלבער בליץ,
וואָס כ'האָב אַמאָל געקענט אין דיעזען לאַנד.
און ווידער דריק איך ברידערליך דיין האַנד:
דיין אַרבייט, ברודער, קומט אונז שטאַרק צוניץ.
מען דאַרף דיין כח און מען דאַרף דיין היץ.
די מאַסען ווילען הערען וואָס דו רעדסט,
אָט פונקט ווי דעמאָלט, ווילען זיי דאָס יעצט.

יאָ, דו ביזט א ו נ ז ע ר ע ר, דאָס איז אַ סך.
פון ווילנא קומסטו, ליטא'ס איד'שע כרך.
דאָ בלייב אויך ווייטער אידענס טרייעס קינד!
געדענק דיין פאָלק; זיין עלענד; זיין פערלאַנג;
זיין שעהנע האָפנונג און זיין ווייטען גאַנג;
זיין שווערעס ליידען פאַר די מענשהייט'ס זינד;
זיין וואָגלען, בלאָנדזשענען פון ווינד צו ווינד, —
שאַין ווייטער אויף דעם וועג פון אונזער דור.
און לעב, און ווירק נאָך נייע פופציג יאָהר!

אַ גרוס פון אַ פריינדליכען געגנער.

ווערטהע רעדאַקציאָן פון דער „אב. קאהאן יובילעאום-שריפט"!

עס טהוט מיר ווירקליך לייד, וואָס די צייט ערלויבט מיר ניט צו שרייבען יענעם ארטיקעל, וועלכער וואָלט געווען זעהר אַם פּלאַץ געראַדע איצט, נעמליך, איבער „מיינע קעמפּפע מיט דעם יובילאַר אב. קאהאן".

איך מוז אייך אָבער זאָגען דעם אמת, אַז עס איז ניט אַזוי די קורצקייט פון דער צייט, וואָס שטערט מיר צו שרייבען דעם ארטי־קעל, ווי ד י צ י י ט ג ו פ א.

עס שיינט מיר, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר מיר צו שרייבען איבער מיינע סכסוכים מיט אב. קאהאן דערפאַר, ווייל דיעזע סכסוכים האָבען זיך נאָך איצט ווייט, ווייט ניט געענדיגט. אמת, זיי זיינען איצט אביסעל אַנדערש ווי געווען. זיי זיינען ניט מעהר אַזוי ליידענשאַפטליך, אַזוי היציג, אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז אונזערע סכסוכים האָבען אויפגעהערט.

מיר זיינען נאָך אימער איבער גאָר פיעלעס ניט איינפערשטאַנדען איינער מיט'ן אַנדערען; נאָך אימער קוקען מיר גאָר פערשיעדען אויף פיעלע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען; און דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז אונזערע האַנדלונגען, אונזער אַרט פּראָפּאַגאַנדא איז אויך שטאַרק פערשיעדען.

היינט נאָך אַ זאַך. עס איז וויכטיג, אַז איהר זאָלט וויסען, דאָס קיינמאָל, קיינמאָל זיינען צווישען מיר און דעם יובילאַר ניט פאָרגעקומען קיינע קעמפּפע אויף דעם פּערזענליכען באָדען; אימער־צו זיינען עס געווען קעמפּפע פּרינציפּיעלע, אויף דעם באָדען פון דער אַלגעמיינער בעוועגונג. דערפאַר, אויב איך זאָל איצט שרייבען איבער אַלע אונזערע סכסוכים, וואָלט עס אייגענטליך געמיינט: צו שרייבען די געשיכטע פון אונזער אידישער בעוועגונג פאַר די לעצטע 23 יאהר פון מיין שטאַנדפּונקט, און דאָס, וועט איהר דאָך אַליין צוגעבען, איז אַן אויפגאַבע, וועלכע איך בין קוים אימשטאַנד אויסצופיהרען, אַזוי, אַז איך זאָל זיין גערעכט אי צו מיר און אי צו אונזער יובילאַר.

דערפאר און נאך צוליעב פיעלע אנדערע טעמים בעט איך אייך צו בעפרייען מיך פון דיעזער גאנץ קיצעלדיגער טהעמא, און ער־לויבט מיר, אנשטאט דעם אין דיזען בריעף צו בעטאנען ניט דאס, וואס שיידט מיך אב פון אב. קאהאן, און צוליעב וואס איך מוז נאך איצט פון צייט צו צייט אנפיהרען א קאמפף מיט איהם, נור דאס, וואס פעראייניגט אונז צוזאמען.

און דער הויפט־פונקט, וואס פעראייניגט מיך מיט אב. קאהאן, איז דער שטרעבען זיינער, דער אונערמיעדליכער שטרעבען פאר די לעצטע 25 יאהר, צו שרייבען און צו ריידען פאר די גרויסע אונ־געבילדעטע מאסען מיט דעם איינציגען צוועק זיי אויפצוקלערען אין אלץ, וואס איז נוגע דאס גרויסע, ברייטע מענשליכע לעבען.

לאמיר אייך פערטרויען א סוד, ווערטהע רעדאקציאן, אז זייט איך האב קענען געלערענט אב. קאהאן, אלס פראפאגאנדיסט, זייט איך האב געהאט די מעגליכקייט נאכצופאלגען זיין טהעטיגקייט, אלס שרייבער און רעדנער פאר די גרויסע מאסען, האב איך אימער אין איהם געפונען מעהר, ווי א סאציאליסט, ניין, ניט ריכטיג, מעהר, ווי אן ענגען בעשרענקטען סאציאלדעמאקראט, פאר וועלכען דאס גאנצע לעבען ווערט איינגעשרומפפט אין עטליכע, ענטשולדיגט, פערשטיינערטע דאגמען.

אב. קאהאן'ס טהעטיגקייט איז מיר אימער געוועזען סימפא־טישער ווי פון פיעלע אנדערע זיינע חברים, ווייל זי איז געוועזען א פיעל ברייטערע, א מעהר אלזייטיגע, אן אמת קולטורעלע טהע־טיגקייט.

געניג נור, ווען איהר וועט איבערלעזען מאנכע ארטיקלען זיינע אדער הערען א פאר רעדען זיינע, אום איהר זאלט מיט מיר איינפערשטאנדען זיין.

דאס צווייטע, וואס מיר געפעלט אין קאהאן'ס לאנג־יעהריגע ארבייט, איז דער פאלקסטהימליכער כאראקטער איהרער. און דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכען. גאר פיעלע צייט־גענאסען פון קאהאן האבען זיך מיט דער צייט אגגעהויבען צו שעהמען זיך צו זיין פאלקסטהימליך. אוים מורא, אז מען זאל חס וחלילה ניט צורעכענען זיי צום פראסטען המון, האבען זיי פון צייט צו צייט א קאקעטיר געטהאן מיט א פרעמד וואָרט, מיט א מאדנע פערגריי־זעלטע פראזע, ווי איינער זאגט: נא, יעה, אז איך בין ניט אבי־

וער. אין דער לעצטער צייט, אז מען האט אנגעהויבען פיהרען גאר א קרייץ-צוג געגען פערשטענדליכקייט, און וואס איינער שרייבט געגרייזעלטער, אונפערשטענדליכער, דאס אלץ בעסערע ליטעראטור איז עס רחמנא לצלן; אין דער לעצטער צייט, ווען מען האט איינעם געווארפען אין קאפ דעם שרעקליכען ווארט „דרדקי מלמד" פאר דיעזען חטא פון פערשטענדליכקייט, וואלט דאך אב. קאהאן שוין אודאי געמעגט א שטשעגאלאיע טהאן מיט א פראזע ווען-ניט-ווען, און — נאט, זעהט יונגאטשעס! אבער ניין, איהר קענט עס ביי איהם ניט פועל'ן. ער האט זיך אויסגעקליבען זיין וועג, און עס זאל איהם גאר אנהויבען ארען, אז די „ליטעראטען" האלטען אין איין געוואלדעווען, אז ער קען ניט שרייבען און ניט ריידען.

און דאס דריטע, וואס מאכט מיך בעוואונדערען און אמת אכטען אונזער יובילאר, איז זיין ווירקליך וואונדערבארע פלייסיג-קייט און זיין אונערמידליכע אונאונטערבראכענע ארבייט פאר די אלע יאהרען, וואס איך האב איהם געקענט.

איך געדענק, ווען ער איז געוועזן מיט יאהרען צוריק אין לאנ-דאן, וואו איך האב דאן רעדאקטירט דעם „ארבייטער פריינד" און וואו מיר האבען פאר צוויי טעג לאנג דעבאטירט איבער אנארכיזמוס און סאציאלדעמאקראטיזמוס, האט ער אין דעם משך פון א פאר וואכען מעהר רעדען געהאלטען, ווי איינער וואלט עס געקאנט טהאן אין א פאר מאנאטען.

נור א דאנק דיעזען פלייס, דיעזען שטארקען ווילען, דיעזער ענטשלאסענהייט האט ער געקאנט אויספיהרען דאס, וואס ער האט ביז איצט אויפגעטהאן.

אט די אלע ווייניגע אבער העכסט וויכטיגע אייגענשאפטען פון דעם יובילאר זיינען, דאכט זיך, א גענוגענדער גרונד — וועניגסטענס פאר מיר — פאר מיין טיעפער אכטונג צו איהם, טראץ אלע אונזערע קעמפפע, וועלכע מיר האבען געהאט און וועלכע מיר וועלען וואהר-שיינליך נאך האבען, און אויך פאר מיין אמת'ן וואונש פון לאנגע, לאנגע יאהרען פון וייטערער פרוכטבארער טהעטיגקייט, אזוי, אז עס זאל קומען שוין די צייט, ווען די גרויסע מאסען וועלען אנהויבען זעלבסטשטענדיג צו דענקען און זעלבסטשטענדיג צו האנדלען, וואס, ווי איך גלויב, אויך דער יובילאר ווינשט עס מיט'ן גאנצען הארצען.

אכטונגספאל אייער ש. יאנאווסקי.

אב. קאהאן — אַ פּערזענליכע אָבשאַצונג.

עס איז זעהר שווער צו געבען אַן אונפּאַרטייליכע אָבשעצונג פון אַ מענשען, וועלכער איז נאָך אַזוי לעבעדיג, ווי גענ. קאהאן איז. ער געפינט זיך אין סאַמע מיטען פון דעם זאַגענאַנטען „קעסעל־גרוב". ער קאָכט זיך אַליין און העלפט אַנדערע צו קאָכען זיך, אָדער צווינגט אַנדערע צו קאָכען זיך. אייניגע קאָכען זיך מיט איהם און פאַר איהם. אַנדערע קאָכען זיך אַנטקעגען איהם און געגען איהם. אונטער אַזעלכע אומשטענדען קען בלויז דער זיין נייטראַל, אונפּאַר־טייאיש, וועלכער איז גלייכגילטיג צו ביידע זייטען, אָדער וואָס פייפט אויף אַלע און אַלעס. און דאָס איז דער שרייבער פון דיעזע צייל‏ען געוויס ניט.

נאָך איין זאַך. גענאָסע קאהאן האָט אַ מאַסע שונאים. ער איז אַ פּראָמינענטער כלל־טהוער, — דאַרום האָט ער פיעל שונאים. ער איז ניט קיין לעמעשקע , — דאַרום האָט ער פיעל שונאים. ער געהט מיט זיין אייגענעם וועג, ער האָט זיינע אייגענע אידעען, ער האָט זיין אייגענעם געשמאַק. דאַרום האָט ער אַ מאַסע שונאים. ער איז זעהר פּאָפּולער, — דאַרום האָט ער שונאים. זיין זשור־נאַליסטישע טהעטיגקייט איז זיכער ערפאָלגרייך, — דאַרום האָט ער שונאים. ער איז אַ ליטוואַק, אַן עקשן, — דאַרום האָט ער שונאים. און דיעזע שונאים זיינע טהוען זייער בעסטעס, אום זיינע חסרונות זאָלען חלילה ניט בלייבען פערבעהאַלטען פאַר דער וועלט. זיי געפינען אין איהם מעהר חסרונות, ווי ער האָט. די, וואָס ער האָט ניט, געפינען זיי; און די, וואָס ער האָט, שטעלען זיי אונטער אַ פערגרעסערונגס־גלאָז. דיזע פּאַרטייליכקייט ג ע ג ע ן איהם רופט נויטווענדיגער ווייזע אַרויס אַן אַנדער פּאַרטייליכקייט — פ א ר איהם. אַזוי לאַנג ווי זיינע שונאים ריידען בלויז געגען איהם, זיינען זיינע חברים און פריינד געצוואונגען צו ריידען בלויז פאַר איהם. דאָס איז די צווייטע אורזאַכע וואַרום אַן אונפּאַרטייליכע אָבשעצונג פון אב. קאהאן איז נאָך דערווייליע אונמעגליך.

* * *

איין זאַך וועלען אפילו די גרעסטע שונאים פון גענ. קאהאן'ען צוגעבען: ער איז ניט קיין „געוועזענער". ער איז ניט קיין געוועזע־נער סאָציאַליסט. ער איז נאָך אַלץ אַ גוטער סאָציאַליסט. ער איז ניט קיין געוועזענער איד, — ער איז נאָך אַלץ אַ גוטער איד. ער איז ניט קיין געוועזענער אַרבייטער־פריינד, — ער איז נאָך אַלץ

דער בעסטער פריינד פון דעם אידישען ארבייטער. ער איז ניט קיין געוועזענער קעמפפער, — ער האלט נאך אלץ די ביקס אין זיין האנד, איהר געפינט נאך איהם אלץ אויף דעם זעלבען שלאכטפעלד. און ער איז ניט קיין געוועזענער קבצן, — ער איז נאך אלץ א קבצן.

א צווייטע זאך וועלען זיינע שונאים מוזען צוגעבען: ער האט א ריינע, אונבעפלעקטע רעפוטאציע, — אלס א מענש און אלס א כלל-טהוער. ער איז אימער געווען א ריינער מענש און א ריינער סאציאליסט, אן עהרליכער מאן און אן עהרליכער חבר. ער איז בעגאנגען פעהלערס, — ווער בעגעהט זיי נישט? — אבער ער איז קיינמאל ניט געווען געמיין. ער האט קיינמאל ניט אינטריגירט. ער איז קיינמאל ניט געווען פערמישט אין קאנספיראציעס געגען זיינע חברים. ער האט קיינמאל ניט געטהאן קיין שלעכטס בעוואוסטער-הייד. ער האט קיינמאל ניט בעליידיגט א מענשען, ווען ער זאל ניט זיין פראוואצירט דערצו. ער האט אימער ליעב געהאט פריעדען אין דער בעוועגונג און ברידערליכע בעציהונגען צווישען חברים.

א דריטע זאך וועלען זיינע שונאים מוזען צוגעבען: ער איז אן ערנסטער מאן. ער איז ניט קיין צוויי-פנים'דיגער. ער איז ניט קיין היפאקריט. ער איז ניט קיין בלאפער. ער ווייזט ארויס אזוי פיעל ענטהוזיאזמוס, וויפיעל ער האט. ער טאנצט ניט אויף אלע חתונות. ער בייט ניט זיינע מיינונגען אלע מאנטאג און דאנערשטאג. ער פערגלאצט ניט די אויגען צום הימעל.

א פיערטע זאך וועלען זיינע שונאים מוזען צוגעבען: ער האט קיינמאל ניט געקוקט אויף דער בעוועגונג, ווי אויף א מיטעל צו שאפען זיך א קאריערע אדער צו מאכען א לעבען. ער האט בעוויזען אז ער קען מאכען א שעהנעם און רוהיגען לעבען אויסער דער בעוועגונג. און אלע ווייסען, אז ער וואלט געקענט געווען מאכען א גלענ-צענדע קאריערע, ווען ער וואלט בעצייטענס געווען פערלאזט די בעוועגונג.

עהרגייץ, מיינט איהר? יא. אבער אזא עהרגייץ, וואס טרייבט צו ארבייטען און צו קעמפפען פאר אן ערהאבענער אידעע, איז אן ערהאבענער עהרגייץ, א לויבענסווערטהער עהרגייץ.

קענט איהר זיך פארשטעלען אב. קאהאן אויסער דער בעווע-גונג? איך גלויב ניט, אז ער קען זיך דאס אליין פארשטעלען. די בעוועגונג איז פאר איהם ניט א בעשעפטיגונג, נאר א נויטווענדיג-

קיים. ער האָט קיינע אינטערעסען אויסער איהר, קיינע פּלענער און טרוימען אויסער איהר, קיין דויערענדען פערגניגען אויסער איהר. ער האָט איהר געווידמעט זיינע בעסטע יאָהרען, אַלע זיינע קרעפטען און אַלע זיינע פעהיגקייטען. פאַר אַנדערע איז די בעוועגונג בלויז א טהייל פון זייער לעבען. פאַר אב. קאהאן איז זי דער גאַנצער לעבען.

* * *

ער איז ניט קיין נאַציאָנאַליסט, אָבער ער האָט ליעב זיין פאָלק ניט וועניגער, ווי אונזערע גרעסטע פּאַטריאָטען.

ער האַלט ניט אין איין קלאָגען אויף דעם אידישען גלות, אָבער ער האָט מעהר, ווי אַלע נאַציאָנאַליסטען, אויפגעטהאָן, אום צו מאַכען דעם גלות ערטרעגליך פאַר די אידען.

ער האָט, פיליייכט, ניט געמאַכט קיין איינציגען אינטעליגענט פאַר א אידען. אָבער דערפאַר האָט ער געמאַכט טויזענדע אונווי־סענדע אידען אינטעליגענט.

ער האָט געשריעבען ניט פאַר די, פאַר וועלכע קענטניסע זיינען א לוקסוס, נאָר פאַר יענע, פאַר וועלכע וויסען איז א בעדירפניס.

ער איז זיין גאַנצען לעבען געוועזן א לעהרער פון דעם פאָלק, און ערציהער פון די מאַסען.

* * *

ער פיהלט זיך אין דער היים צווישען אידישע ארבייטער. ער פיהלט זיך היימיש צווישען אידען. ער פיהלט זיך גליקליך צווישען גענאָסען.

ער האָט א ווארעמע אידישע הארץ. ער האָט מיטלייד מיט אַלע ליידענדע. ער האָט ליעב צו ליעבען און צו זיין געליעבט. ער האָט פיינד צו בעליידיגען און איז עמפּפינדליך צו בעליידיגונג. ער איז א גוטער חבר, א גוטער פריינד און א גוטער מענש.

* * *

ער האָט חסרונות? געוויס האָט ער און פיעלע. אָבער א מענש, וואָס האָט אזוי פיעל גוטע מעלות, קען זיך פערגינען צו האָבען א סך חסרונות.

ער איז ניט קיין ריעז? געוויס איז ער דאָס ניט. אָבער די יעניגע, וואָס ווארפען שמוץ אויף איהם, זיינען דאָך נאָר קאַרליקעס.

ער איז ניט קיין זשעניע? געוויס איז ער דאָס ניט. אָבער די

יעניגע, וואָס לאַכען אָב פון איהם, בעזיצען דאָך ניט קיין צעהנטעל פון זיינע פעהיגקייטען.

ער מעג ניט זיין גרויס, אָבער ער איז מיט א קאָפּ העכער פון אַלע זיינע קריטיקער, פאַר אַלע זיינע פערלוימדער. ער איז מיט א קאָפּ העכער פון פיעלע פון זיינע חברים און מיטארבייטער אין דער אידישער בעוועגונג. און לאַנג נאָך דעם, ווי מען וועט זיי אַלע פערגעסען, וועט מען נאָך איהם געדענקען...

מ. באַראַנאָוו.

וויללִיאם דיען האועלס איבער אב. קאהאן אלס ענגלישער ליטעראט

(וויללִיאַם דיען האועלס גילט אַלס דער בעדייטענדסטער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער. ער איז איינער פון די ליטעראַטען פון אַלע פעלקער, מיט וועלכע די וועלט אינטערעסירט זיך. זיין אורטהייל אין ליטעראַטור איז אַלגעמיין אַנערקענט).

וואָס וועט אַם ענדע זיין די שפּראַך פון די ניו יאָרקער? מיר וועלען, דענק איך, שרייבען און דרוקען א מין ליטעראַרישען ענגליש; אבער די צוזאַמענמישונג פון די פיעלע פערשיעדענע ראַסען וועט מיטברענגען דאָס די ענגליש, וואָס מען וועט רעדען, וועט זיין א מאָדנע צוזאַמענמישעכץ.

מיסטער אבראַהאַם קאַהאַן גיט אין זיין „יעקל“, — אַן ערצעהלונג פון דער ניו יאָרקער געטאָ, — פיעלע אינדירעקטע אַנצוהערעניסען, וואָס פאַר א שפּראַך זי וועט זיין. פיליכט וועלען מיר האָבען אין ניו יאָרק אַן ענגלישען זשאַרגאָן וועלכער וועט זיין עהנליך צו דעם דייטשען זשאַרגאָן, אידיש, און ער וועט זיין אויסגעמישט מיט רוסישע, פּוילישע און דייטשע ווערטער, אזוי ווי אונזער איצטיגער ענגליש איז דורכגעמישט מיט לאָנדאָנער אויסדריקע און אַמעריקאַנער „סלענג“.

„יעקל“ איז א רוסישער איד, וועלכער שטרעבט צו ווערען אַמעריקאַניזירט אין יעדען הינזיכט, און וועלכער לערנט זיך אָב פון אונז גראָדע די וואולגאַרע און נאַרישע זיטען, ווייל ער איז אין נאַטור בעסער צוגעפּאַסט צו די וואולגאַרע קלאַסע פון דער געזעלשאַפט. ער איז גייציג, אונמאָראַליש, כיטרע, און א גרויסהאַלטער. טראָצדעם האָט ער מאָמענטען פון צאַרטהייט און חרטה און לעבט אין א וואָלקען פון גע׳ירשנ׳טע אבערגלויבען.

אין דער היים איז ער געוועזן יענקל פּאַדערניק, אָבער אין באָסטאָן, זיין ערשטע אַמעריקאַנער סטאַנציע, האָט ער זיך דערדיענט

צום נאָמען „דזשייק דער יענקי“ דורך זיין בעגייסטערונג פאַר אמע־ריקאַנער זיטען און מנהגים. די דראַמא פון דער ערצעהלונג שפּיעלט זיך אָב אין דעם געגענד ארום העסטער סטריט, וואו דזשייק ארבייט אין אַ סוועט־שאָפּ, און וואו ער פיקסט אויף אַ היים פאַר זיין פרוי און קינד ווען זיי קומען צו איהם פון פּאָוואַדיע.

אזוי ווי מר. קאַהאַן איז אַ רוסישער, און אזוי ווי ראָמאַנטישע ביכער ווערען אין רוסלאַנד ניט בעטראַכט אַלס ליטעראַטור, איז זיין געשיכטע נאַטירליך שטרענג רעאַליסטיש. זי איז ניט מעהר רעאַליסטיש ווי די געשיכטע וואָס מר. קריין *) האָט געשריעבען. און זי איז ניט מעהר און ניט ווענינער טריי צו דער ווירקליכקייט ווי קריין׳ס ביכער. די ביידע שרייבער האָבען דעם זעלבען פּרינציפּ וועגען קונסט. אָבער די שעהן־קאָלירטע אויסלענדישע שטאָף מיט וועלכע מר. קאַהאַן בענוצט זיך אַפּעלירט שטאַרקער צו דער פאַר־שטעלונגס־קראַפט פון דעם לעזער. ער האָט אויך מעהר הומאָר ווי דער אַמעריקאַנער שרייבער קריין. קריין׳ס זעלטענער געלעכטער קלינגט אָפט בייז, ביי קאַהאַן זעהט מען אז ער אליין האָט הנאה פון די קאָמישע פּאַסירונגען אין זיין ערצעהלונג.

אין גרונד איז די ערצעהלונג אָבער ניט קיין קאָמישע, נור אַ טראַגישע. זי איז אזוי טראַגיש ווי דער אָב׳גט׳ן פון דער אָרימער קליינער איינגעוואַנדערטער פרוי, באָטש דער לעזער הערט באַלד די טרייסט, אז זי האָט געהייראַט מיט אַ מאַן וואָס פּאַסט פאַר איהר בעסער ווי דזשייק דער יענקי. דזשייק, ווידער, געהט אוועק און האָט חתונה מיט אַן אַמעריקאַניזירטע פּוילישע מיידעל, מיט וועלכע ער פלעגט פערברענגען איידער זיין פרוי איז געקומען אהער.

דיזע ערצעהלונג איז גוט אויפגעשריעבען. מען זעהט אז דער שרייבער האָט געפיהלט אַ קינסטלערישען פערגעניגען ווען ער האָט איהר פערפאַסט. דערצו האָט ער אַ ברייטען קוק, ער פער־שטעהט אַ סך כאַראַקטערע, ער האָט אויך אַ טיעפען בליק אין דעם

*) קריין איז געוועזען איינער פון די בעסטע רעאַליסטישע שרייבער, וואָס די יונגע אַמעריקאַנער ליטעראַטור פערמאָגט. ער האָט געשריעבען זיינע שטאַרקסטע ערצעהלונגען אין דער זעלבער צייט, ווען קאַהאַן האָט געשריעבען זיין „יעקל“. די ליטעראַרישע וועלט האָט זעהר פיעל ערוואַרטעט פון קריין. ליידער איז ער, אָבער געשטאָרבען זעהר יונג פון קאָנסאָמפּשאָן.

מענשענ'ס נאטור און זעהט די דינע פערפלאָנטערטע פעדים אין דעם געוועב פון דעם מענשענ'ס נשמה.

איך בין איבערצייגט, אז אין קאהאנ'ען האָבען מיר אַ שרייבער, אַ געבוירענעם אַן אויסלענדער, וועלכער וועט פערשאַפען עהרע דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער איז שוין איצטער דורך און דורך אַן אמעריקאַנער. ער קוקט אויף דער וועלט פון אונזער שטאַנד־פונקט. ער זעהט זאכען מיט אַמעריקאַנער אויגען, און דערצו בעזיצט ער די ווייטע און רייכע בליקען פון זיין אידישע ראַסע, און גלויבט אין די גרויסע און וואהרע רוסישע פרינציפּען איבער ליטעראַרישע קונסט. אין קאהאַנ'ס בוך איז דאָ פיעלעס וואָס פערשאַפט אונז שמערצען, אָבער מיר פיהלען לעזענדיג, אַז דער שרייבער האָט אונז דערצעהלט דעם אמת. און אַז די אומשטענדען האָבען בעשאַפען מענשען, פונקט ווי ער שילדערט זיי. אויב מיר ליעבען ניט די רעזולטאַטען, וואָס דיזע אומשטענדען האָבען ארויסגעבראַכט, איז אין דעם דער שרייבער ניט שולדיג. ער האָט בלויז אַראָבגענומען דעם פאָרהאַנג וואָס טהיילט אָב די גליקליכע פון די אומגליקליכע. דער לעבען וואָס דער שרייבער קען און ווייס לעבט פאַר אונזערע אויגען ווען מיר לייענען דעם בוך.

„יעקל" איז אַ רייצענדער בוך, און דער פערגעניגען וואָס ער פערשאַפט אונז קומט ניט נור דערפון וואָס ער איז אַליין אזוי גוט, נור וואָס ער פערשפּרעכט נאָך ווערק אין די צוקונפט. אַ פּערפאַסער וואָס האָט געקענט בעשאַפען אַ מרס. קאַווארסקי, גיטעל'ס שכנ'טע, דזשייק'ס ווייב, און מיימי, און פעני די מגיד'קע, מיט די סצענעס אין סוועט־שאַפּ, אין דענסינג האָל, און איבערהויפּט אין בית־דין־שטיבעל ווען מען גיט דעם גט, אזא פערפאַסער האָט זיך פערפליכטעט מיט די אויסגעצייכענטע ארבייט וואָס ער האָט שוין אויפגעטהאָן, צו טהאָן נאָך פיעל ארבייט וועלכע וועט זיין נאָך בעסער.

איך האָב שיער ניט פערגעסען צו רעדען וועגען זיין ענגליש. ווען מען נעהמט אין אַנבעטראַכט דאָס קאהאַן איז געבאָרען און אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין רוסלאַנד, דאַן מוז מען זאָגען, אַז די איינפאַכהייט און די ריינקייט פון זיין ענגלישער שפּראַך איז ווירקליך צו בעוואונדערען.

וויליאַם דיען האָועלס.

services of the many to each, than upon the services of any one to the many; upon the achievements of the many in union, rather than upon the separate achievements of the few; upon the devotion of the many to all and to the common Cause, rather than upon the devotion of any one comrade, as though it were more noteworthy than the devotion of scores of thousands of others.

Hail to a loyal comrade, Abraham Cahan!

J. G. Phelps Stokes.

* * *

It would give me very great and very genuine satisfaction to add to any testimonial to Abraham Cahan a tribute of my admiration for him. His services have been so great and have covered such a wide field in the human cause that every friend of human liberty must look upon him as one of the most useful and admirable men of these times.

He has stood all his life for tolerance of everything except wrong and injustice and against all narrowing influences like bigotry, race prejudice, greed and selfishness, and above all he has fought with splendid ability the accursed system of wage slavery that oppresses and darkens the world. With all his other friends, numbering a much larger circle than he suspects, I join in wishing him a long continuation of his opportunities for service and usefulness, for these constitute the only true happiness of life.

Yours fraternally,

CHARLES EDWARD RUSSELL.

GREETINGS:

I am glad to join with others of my comrades in conveying greetings to Comrade Cahan on the occasion of the fiftieth anniversary of his birth, and in recognition of the eminent services that he has rendered in the Socialist movement.

Yet my gladness is not untinged with a certain note of apprehension lest in expressing so conspicuously our esteem of an honored comrade we obscure the broader scene which if equally illumined would disclose tens of thousands of other comrades, laboring with equal devotion, and each no less worthy of praise. When we flash a beam of light through the darkness, all save the spot illumined is for the time less easily seen than before.

Glad as I am to rejoice over the services of Comrade Cahan, I am gladder still to rejoice with him on this occasion over the services of those scores of thousands of less prominent comrades without whose labor and devotion his own exceptional opportunities for service would not have arisen.

Instead, then, of regarding the occasion we celebrate as marking the culmination of fifty years' growth and service by Comrade Cahan, I would rather regard it with him as marking the culmination of fifty years of devoted labor by his comrades throughout the world in creating the environment of comradeship and cooperation in social strife that has nurtured his great ability and that of others, and thus made possible, incidentally, the distinguished services that have marked his career and theirs.

In our rejoicing over the services of Comrade Cahan let us not forget that the facilities that he and that each of us enjoys, are the products of scores of thousands of other men and women, and sometimes of children too. We have aided, to be sure, but the bulk of the labor that has made our respective services possible has been done by others.

In our rejoicing let us recall that we cannot safely assume that any comrade's services to the movement have been greater than the movement's services to him; that we are but fellow-workers together, deriving help and perhaps inspiration one from another and each from all.

In our rejoicing let us place the emphasis rather upon the

אב. קאהאן'ס ענגלישע ווערק אין רוסלאנד.

אַ מיינונג פון דעם בעקאַנטען רוסישען שריפטשטעלער טאַן אין דעם רוסישען זשורנאַל „מיר באָזשי" (אָקטאָבער, 1902).

פון די יונגע אַמעריקאַנישע שריפטשטעלער, וואָס זיינען פּאָפּולער געוואָרען פאַר די לעצטע צעהן יאָהר, איז אברהם קאהאן פאַר אונז, רוסלענדער, דער אינטערעסאַנטעסטער. ער איז אינטערעסאַנט פאַר אונז אַלס אַ לאַנדסמאַן און אַלס אַ גלענצענדער פאָרשטעהער פון רוסישען רעאַליזמוס אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. דיזער אָריגינעלער קינסטלער, וועלכער איז אַזוי ניט ענהליך צו די אַנדערע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, איז דער בעסטער בעווייז, אַז דער זשעני פון דער רוסישער ליטעראַטור איז אימשטאַנד צו בעקעמפּפען די העכסט־אונגינסטיגע בעדינגונגען און צו פערזייען אַ קערנדעל זאַגאַר אין אַ ווילד־פרעמדען באָדען. די אונערוואַרטעטע פערוואַנדלונג פון אַ יונגען אימיגראַנט, וואָס האָט אַ וואָרט ענגליש ניט געוואוסט ביים אָנקומען קיין אַמעריקאַ, אין אַ מאַן, וואָס האָט שוין מיט עטליכע יאָהר שפּעטער געשריעבען — ווי וו. האָועלס, דער בעוואוסטער אַמעריקאַנישער שריפטשטעלער און קריטיקער, בעהויפּטעט — אין אַ וואונדערבאַר שעהנעם, איינפאַכען און קרעפטיגען ענגליש, — איז פאַר אונז, רוסלענדער, אייגענטליך קיין וואונדער ניט.

אזא פערוואַנדלונג דערווייזט נאָר די אונגעוועהנליכע בויגיגקייט פון רוסישען אינטעליגענטסקען גייסט, וועלכער זוכט יעצט, אויף'ן שוועל פון צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, אַן אויספּלוס, אַ פעלד וואו אויסצונוצען די מאַסע פערשיעדענאַרטיגע קרעפטען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט אין פערלויף פון לעצטען האַלב־יאהרהונדערט.

זאַגאַר די גרויסע שטיינערנע וואַנד, אין וועלכער עס איז נאָך מיט צוויי יאהרהונדערטע צוריק אויסגעהאַקט געוואָרען אַ פענסטער

צו יוראָפּ *) קען שוין פאַר איהם (פאַר'ן גייסט. — איבערזעצער) ניט זיין מעהר קיין שטערונג, וואָרום אויסער דעם פענסטער איז שוין אין דער דאָזיגער וואַנד דאָ אויך אַ טהיר, דורך וועלכער עס פליסט פון דאָרטען, אַט פאַר אונזערע אויגען, אַ שטראָם פון העכסט פעהיגע רוסלענדער. אייניגע פון זיי ברענגען פון דאָרטען מיט זיך אַ פאַרטיגע ארבייטס־פעהיגקייט און אַ בעוואוסטען נאָמען; אַנ־דערע געהען פון דאָרטען אוועק אַלס האַלב־אויסגעבאַקענע איינגלעך, טראָגען אוועק מיט זיך אַ געוואוהנהייט צו בעגניגען זיך מיט אַ וואָהנונג ערגעץ־וואו אויפ'ן בוידעם און מיט אַ מאָהלצייט, וואָס בעשטעהט בלויז פון ברויט מיט טהעע, און נאכהער דערדיענען זיי זיך אַליין צו שפּאָרען אונטער פרעמדע בעדינגונגען דורך אַ שרעקליך שווערען קאַמפף פאַר עקזיסטענץ, און אין פערלויף פון אייניגע עטליכע יאָהר פּרואווען זיי אויס מעהרערע פערשיעדענע טהעטיג־קייטס־פעלדער.

אָבער דער אַנדענקען פון דער אַלטער היימאַטה בלייבט אין זייער הארצען, ווי אַן אונפערהיילטע וואונד, און צעהנדליגע יאָהרען הערען זיי נאָך, ווי איינער פון אַב. קאַהאַן'ס ליטעראַרישע העלדען דריקט זיך אויס, די שטימען וואָס קומען צו זיי דורכ'ן ברייט־ברייטען אָקעאַן — די שטימע פון די רוסישע פעלדער און די אונ־דייטליכע הוזשעריי פון די ווייטע רוסישע שטעדט, וועלכע זיינען פול מיט הונגער, ליידען און קאַמפף פאַר אַ בעסערע צוקונפט.

אַב. קאַהאַן איז אַ בעאָבאַכטער הויפּטזעכליך פון דער פער־שיעדען־שפּראַכיגער מענשען־מאַסע, וועלכע וואָהנט אויף דער איסט סייד פון ניו יאָרקער דאַון־טאַון. דאָס איז די מאַסע, וועלכע ווערט דאָ, פון איין זייט, אין ריעזיגען שמעלץ־טאָפּ איבערגעקאָכט אין אַמעריקאַנישע שטאָף און, פון דער אַנדער זייט, בעקומט אַלץ נייע עלעמענטען, וואָס די אימיגראַציאָן־כוואַליעס ברענגען אָהער נאָכ־אַנאַנד פון יוראָפּ. אין קורצע און העלע בילדער ענטפּלעקט פאַר

---

*) דער בעריהמטער רוסישער שריפטשטעלער א. פּושקין האָט זיך אין זיינעם אַ ווערק אויסגעדריקט, אַז דער קייזער פּעטער דער גרויסער האָט „אויסגעהאַקט אַ פענסטער צו יוראָפּ“. מיט דיעזען פּאָעטישען בילד האָט ער געוואָלט אויסדריקען דעם געדאַנק, אַז פריהער איז רוסלאַנד ווי מיט אַ וואַנד געוועזן אָבגעצאַמט פון דער געבילדעטער יוראָפּ. נאָר פּע־טער דער גרויסער האָט געמאַכט דעם אָנהויב אין בעקאַנען רוסלאַנד מיט דער בילדונג און מיט'ן לעבען פון יוראָפּ. איבערזעצער.

אונז דער רוסיש-אַמעריקאַנישער שריפטשטעלער דעם סוד „פון דער פלעצליכער אויסברייטונג פון דעם מענשענס נשמה“ און ווייזט אונז קלאָר, ווי אונטער'ן איינפלוס פון די נייע בעדינגונגען ערוועקט זיך פּלוצלונג אין יעדען לעבעדיגען טהיילכעלע פונ'ם מענשען-שטראָם א מאַסע ענערגיע, וועלכע איז אימשטאַנד אומצוּוואַרפען אַלע שטערונגען, וואָס שטעהען איהר אין וועג. און ווען איהר פּאַלגט אויף אַזאַ אופן נאָך קאהאַנען, זעהט איהר טאַקע בעשיינפּערלעך, ווי פון אַ יענקל פּאָדקערניק ארבייט זיך ביסלעכווייז אויס אַ דזשעק פּאָדקערסטאָן, און פון אַ ראוב'קע מאַקלעראָוויטש אַ רעאובען מאַק-לעאָד.

פון דיזע צוויי נעמען איז לייכט צו זעהען אַז אב. קאהאַן שעפּט זיינע טהעמאַס הויפּטזעכליך פון לעבען פון רוסישע אימיגראַנטען.

ניט נאָר אין אייראָפּאַ, נור זאָגאַר אין אַמעריקא גופא איז מען וועניג בעקאַנט מיט'ן שטאָדט-לעבען פון ניו יאָרק. ווייל ניט יעדער אינטעליגענטער איינוואָהנער פון אַ פילאַדעלפיא אָדער אַ שיקאַגאָ וויים גאָר, אַז אין דער רייכער געשעפטס-הויפּטשטאָדט פון אַמעריקא, אין ניו יאָרק, געפינען זיך אַזוי פיעל אויסלענדישע מענשען-נעסטען אָט דאָ ביי דער זייט פון די טעמפּלען פון די פּערשיעדענע טראַסטס און פון די ריעזיגע בענק-געשעפטען פון די מאָרגאַנס און די ראָקעפעלערס. פון איין זייט. צו איסט צו, אַ פּאָאַר הונדערט טריט פון דעם רייכען קאָכעדיגען בראָדוויי, הויבט זיך אָן דער איטאַליענישער קוואַרטאַל, וואו זאָגאַר די וואורשט אין די פענסטער פון די דעליקאַטעסען סטאָרס דערמאָנט אייך אָן סיציליען, און וואו אויף יעדען טריט און שריט שטויסט איהר זיך אָן אַן גרופּען טונקעלע געזיכטער, שוואַרץ-האָריגע ארבייטער, וועלכע ליעגען, זיצען אויפ'ן סייד-וואָק, רעדען, שלאָפען, עסען דאָ זייער דינער, וואָס בעשטעהט פון ציבעלע מיט טאָמייטאָס.

נאָכ'ן איטאַליענישען קוואַרטאַל הויבט זיך אָן אַ אידישע וועלט, ווייטער ציהט זיך דער כינעזישער קוואַרטאַל, וועלכער לעבט זיך גאָר מיט זיין אייגענאַרטיגען לעבען.

און פון יענער זייט בראָדוויי, צו וועסט צו, שטויסט איהר זיך אָן אן אַנדערע אָריגינעלע ווינקעלעך — אן אַ סירישען קוואַרטאַל, אָן אַ גריעכישען א. ז. וו.

און העכער, צו צפון צו, אַרום דער 70טער סטריט, געפינט איהר קאָלאָניעס פון טשעכען, פּוילישע, רוסינען (רוסען פון גאַליציען) און

ווייס־רוסען (רוסען פון ווילנער, מינסקער, מאָהילאָווער, וויטעב־סקער, גראָדנער גובערניעס). וועגען דייטשען און אירלענדער, וואָס האָבען פערפלייצט די ארומיגע טהיילען פון שטאדט און האָבען פערכאפּט די גאנצע שטאדט־פערוואלטונג אין זייערע הענד, איז דאָך שוין אָבגערעדט.

און איבער אלע דיעזע פערשיעדען־שפּראכיגע קאָלאָניעס און צענטרען ציהען זיך וואָלקענס שווארצער רויך פון ריעזיגע הונדערטע פעקטאָרי־קוימענס; און דורך דיזע קווארטאלען, דורך די סטריטען, איבער די קעפּ און אונטער דער ערד לויפען פערשמייעטע קארס, עלעווייטעד און סאָבוויי טריינס.

און די 150 טויזענד (דער ארטיקעל איז געשריעבען געוואָרען אין 1902. יעצט איז שוין דאָ אין ניו יאָרק איבער 800 טויזענד.— איבערזעצער.) אידען פערנעהמען אין דיזער קאָכעדיגער מענשען־מאַסע א זעהר אנגעזעהענעם פּלאַץ. דאָס זיינען מייסטענס פעק־טאָרי־ארבייטער, בעלי־מלאכות, איבערהויפּט שניידער, וועלכע האָבען מיט זייער ארבייט אין פערלויף פון א צוואנציג יאָהר בעשאפען א ריעזיגע קליידער אינדוסטריע, וואָס בעזאָרגט יעצט גאנץ נאָרד און סענטראל אמעריקא מיט פארטיגע קליידער פאר א דריטעל פּרייז ווי פריהער. איהר געפינט אין אידישען קווארטאל אויך געגנוג קליינע הענדלער און מיטעלע סוחרים, און צווישען די אינגערע עלעמענטען אויך דאָקטוירים, לאָיערס, אינזשינערען און אנדערע פאָרשטעהער פון אינטעליגענטע בעשעפטיגונגען. וואָרום קיין פאָלק שטרעבט ניט מיט אזא מערקווירדיגער זשעדנעקייט און עקשנות צו בילדונג, ווי אידען.

אב. קאהאן איז דער פאָסענדסטער בעאָבאכטער פון אזא מאַסע. וואָרום ער האָט פון 1882טען יאהר אָן, זינט ער איז אָנגעקומען אהער מיט דער ערשטער אימיגראציאָנס־כוואליע, שטענדיג געלעבט מיט'ן לעבען פון דיזער מאַסע. ער איז געווען א פעקטאָרי־ארבייטער, א לעהרער, א רעדנער אויף פערזאמלונגען, א רעפּאָרטער און יעצט איז ער דער רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס“— א גרויסע אידישע צייטונג מיט א בעשטימטער ריכטונג (אין רוסלאנד האָט מען דאן געמוזט אויסמיידען דעם וואָרט „סאָציאליסטישער.— איבערזעצער).

אין דער רוסישער ליטעראטור איז קאהאן וועניג בעקאנט. אין

„וואָסכאָד"*) זיינען אפילו געווען איבערזעצט צוויי—דריי פון זיינע ערצעהלונגען **). אן איבערזעצונג פון איין ערצעהלונג איז אין 1900 ערשיענען אויך אין דער צייטשריפט „זשיזן" (לעבען). איך גלויב אבער ניט, דאָס דער ברייטער רוסישער לעזע־פובליקום זאָל זיי האָבען געלעזען. אין אמעריקא אָבער האָט דער אויבען־דערמאָנטער האָועלס, נאָך דעם ווי עס איז ערשיענען קאַהאַן'ס ערשטער ראָמאַן, בעגריסט דיזען שרייבער אַלס איינעם פון די טאַלענטפולסטע יונגע שריפטשטעלער אין ניו יאָרק. און אַנאַנדער קריטיקער האָט זיך אין אַ פּאָפּולערען שיקאַגאָר בלאַט אויסגעדריקט, אַז קאַהאַן'ס ראָמאַן איז דער אינטערעסאַנטעסטער און אינהאַלטס־רייכסטער בוך, וואָס איז אין פערלויף פון יענעם מאָנאַט ערשיענען אין דער אמעריקאַנישער ליטעראַטור.

מאַנכע האָבען פרובירט פערגלייכען קאַהאַנען צו זאַנגוויל'ן. נאָך מיין מיינונג נאָך, שטעהט קאַהאַן העכער פון זאַנגוויל'ן מיט דעם, וואָס ביי איהם געפינט זיך כמעט קיין שפור ניט פון דעם זאַגענאַנטען ראָמאַנטישען אידעאַליזמוס; דערפאַר אָבער ווייזט קאַהאַן ארויס אַ געניע בעקאַנטשאַפט מיט'ן געליעבטען געגענ־שטאַנד.

זאַנגוויל אָבער איז אַ געבאָרענער אַן ענגלענדער, ער ווייס דאָרום בלויז די ענגלישע זייט פון „די קינדער און די אייניקלעך פון לאָנדאָנער געהעטאָ". דאָס הייסט ער איז בלויז אויבערפלעכליך בעקאַנט מיט'ן לעבען פון דער לאָנדאָנער געהעטאָ. איהר זעהט פון זיינע ווערקע, אַז ער פערשטעהט גאָר ניט טיעף דעם שאַרפען געגענ־זאַץ, דעם בולט'ן היפּך צווישען פערשיעדענע קלאַסען פון זיין אייגענעם פאָלק.

---

*) רוסיש־אידישע צייט־שריפט, וואָס פלעגט ערשיינען אין פּעטערבורג. איבערזעצער.

**) זינט דאָס איז געשריעבען געוואָרען, זיינען קאַהאַן'ס ערצעה־לונגען געווען געדרוקט אין פיעלע רוסישע זשורנאַלען. איניגע פון זיינע ערצעהלונגען זיינען אין די רוסישע זשורנאַלען געווען איבערזעצט צו עטליכע מאָל פון פערשידענע איבערזעצער, א חוץ אננא בראַנשטיין (מרס. קאַהאַן), וועלכע האָט איבערזעצט כמעט אלע זיינע ערצעהלונגען און האָט זיי פערעפענטליכט אין פערשיעדענע רוסישע זשורנאַלען. איבערזעצער.

עס איז כדאי דאָ צו בעמערקען, אז טאקע צוליעב דעם, וואָס זאנגוויל האָט אין זיינע ווערק אין גאנצען פערזעהען דעם געגענזאץ צווישען פערשיעדענע קלאסען, האָבען איהם די קאפּיטאליסטישע אידישע צייטונגען פון אמעריקא און ענגלאנד אויפגענומען אזוי פריינדליך, וועהרענד קאהאנען האָבען זיי אזוי ענטשלאָסען פערדאמט.

אַט, צום ביישפּיעל, ווען דער ראָמאן „יענקל" איז ערשיענען, האָבען די הּאזיגע צייטונגען אויפגעוואָרפען קאהאנען, אז ער שילדערט אויסשליסליך די טונקעלע זייטען פון אידישען פאָלק און אז דארום שטעלט ער די אידישע שניידער פון ניו יאָרק פאַר אלס אָרעמע, פערדאָרבענע מענשען. „גיבען דען די אידישע גבירים וועניג צושטייער אויף צו בילדען און צו פערבעסערען דעם לעבען פון זייער פאָלק?" פרעגט מיט התפעלות א ציעמליך גוט־פערשפּרייטע ענגליש־אידישע צייטונג. א צווייטע צייטונג איז געגאנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אויסגעדריקט אין אזא זינען, דאָס דער ראָמאן איז א פּאטש אין פּנים פאר'ן יודענטהום.

איבערהויפּט האָבען זיך אויף קאהאנען א שאָט געטהאָן בעשולדיגונגען, ווען עס איז ערשיענען זיין העכסטאינטערעסאנטע און געוואָגטע ערצעהלונג „די משומדת'טע פון טשעגאטשעג" *) וואו עס ווערט דערצעהלט, אז א אידישע מיידעל נעהמט אָן דעם קריסטליכען גלויבען און הייראטהעט מיט א וויים־רוס.

אייניגע אידישע צייטשריפטען האָבען זיך ערלויבט זאָגאר אָנצורופען קאהאנען פעררעטהער, וואָס פערקויפט זיין פאָלק פאַר צעהן סענט פון א שורה. מיר מוזען דאָ אָבער אויך בעמערקען, דאָס די דעמאָקראטישע צייטשריפטען האָבען זיך פון אָנפאנג אָן געשטעלט אויף דער זייט פון „העזה'דיגען" שרייבער, וועלכער מאָהלט דעם לעבען, פונקט ווי ער זעהט אוים אין דער ווירקליכקייט. און די צייטונג („פאָרווערטס"), וואָס קאהאן רעדאקטירט, איז די פּאָפּולערסטע ביי די אידישע ארבייטער־עלעמענטען פון ניו יאָרקער איסט סייד.

יעצט ארבייט קאהאן איבער א גרויסען ראָמאן פון אידישען לעבען אין אמעריקא. און דאָס וועט זיין וואהרשיינליך זיין וויכטיגסטע ווערק. דער ערשטער טהייל פון ראָמאן בעשרייבט

*) ערשיענען אין דעם אמעריקאנישען זשורנאל „סענטשורי מעגעזין".

פּאַסירונגען פון רוסלאנד, און די צווייטע העלפט דערצעהלט שוין וועגען דעם, וואָס איז שוין פּאָרגעקומען אין אמעריקא. די הויפּט־העלדען פונ'ם ראָמאַן זיינען אַ פּאָאר פּאָלק: אַ דעמאָקראַטיש־געשטימטער אינטעליגענט, אַ געוועזענער פּעטערבורגער סטודענט; און אַ יונגע מיידעל, אַ באַנקיער'ס אַ טאָכטער, וואָס איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין אמעריקא. דער נאָמען פון ראָמאַן וועט זיין „קאָזם", וואָס הייסט אבגרונד *). ווייל די הויפּט־אויפגאַבע פונ'ם פערפאַסער איז צו מאָהלען דעם אַבגרונד, דעם טיעפען אונ־טערשיעד צווישען די לעבענס־אידעאַלען פון דער אידישער אינטעל־ליגענץ פון רוסלאַנד און פון אַמעריקא. אויף אזא אופן פערוואַנ־דעלט זיך צום סוף ראָמאַן די געגענזייטיגע ליעבע פונ'ם רוסישען סטודענט און דער אַמעריקאַנישער מיידעל אין אַ געגענזייטיגע פיינדשאַפט. וואָרום אין דער צייט פון גרויסען שניידער־סטרייק, וואָס האָט גראד דאן אויסגעבראָכען, איז ער, דער העלד פון ראָמאַן, געוועזן איינער פון די טהעטיגסטע סטרייק־לידערס; ווערהרענד זי, די העלדין, וועלכע איז ענטטוישט און דיסאַפּאָינטעד געוואָרען פון איהר אונגעלונגענעם פערזוך צו ערציהען דעם קונסט־געשמאַק אין דער ארבייטער־מיטע, שטעלט זי זיך גאָר אויף דער זייט פון איהר פאַטער און אַנדערע מאַנופעקטשורערס — שוויים־פּרעסערס. און ענדליך הייראַטה זי גאָר איהר פריהערדיגען חתן, וועלכער האָט צוליעב איהר, צווישען אַנדערעס, גענומען שטודירען קונסט און די גריעכישע שפּראַך.**)

דער ראָמאַן איז רייך מיט אינטערעסאַנטע מאָמענטען און ווירקליכע בילדער און נעהמט ארום אַלע ווינקעלעך פון אידישען, אזוי גוט ווי פון קריסטליכען לעבען אין ניו יאָרק.

---

*) דיעזער ראָמאַן איז צוליעב קאַהאַן'ס ארבייט ביים „פאָר־ווערטס" געבליבען ניט געענדיגט. ער האָפט איהם באַלד צו ענדיגען און צו געבען אין דרוק.

**) די פּאַרציוטיגע גריעכענלאַנד איז געווען די היימאַטה פון קונסט, און די יעניגע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט פּאַרציוטיגער קונסט, שטודירען דאָרום געוועהנליך די גריכישע שפּראַך. — איבערזעצער.

די קליינע ערצעהלונג „דמיטרי און זיגרידא“ *), איינע פון די ערצעהלונגען, וואס קאהאן האט פאר די לעצטע צייט אויפגעשריעבען, איז א בעוויז, אז דער לעבען פון קריסטליכע אימיגראנטען איז ניט וועניגער בעקאנט זיין בעאבאכטענדער אויג. דער ניט פערוויקעלטער אינהאלט, די איינפאכע, געוועהנליכע איינדריקע און געפיהל וואס ווערען געשילדערט אין דיזער קליינער ערצעהלונג, פערגרעסערען דאס די בעדייטונג פון דער „פאסירונג פון ווירקליכען לעבען“, וואס ווערט דערצעהלט אין דיזע עטליכע זייטלעך.

*) אין רוסישען זשורנאל „מיר באזשי“ איז די ערצעהלונג געדרוקט גלייך נאך דיעזען ארטיקעל. דאס איז אן איבערזעצונג פון ענגלישען אריגינאל, וועלכער איז געוועזן געדרוקט אין ענגלישען זשורנאל „קאסמאפאליטאן“. איבערזעצער.

אב. קאַהאַן'ס ליטעראַרישע ארבייט אין אידיש, ענגליש און רוסיש.

1881 — בריעף פון וועלישץ, אין „רוסקי יעוורעי (רוסיש).

1882—83 — בריעף פון ניו יאָרק אין „רוסקי יעוורעי“.

1884 — אַרטיקעל איבער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין „וויעסטניק יעוורָאָפּאַ“ (גרעסטע רוסישע מאָנאַט־שריפט).

1884—86 — קורצע סקיצען און בילדער פון דער איסט סייד אין די ניו יאָרקער זונטאַג־בלעטער : „סאָן“ און „פּרעס“.

1886 — אָנגעפאַנגען צו דרוקען אַן אייגענע אידשע וואָכענ־בלאַט די „נייע צייט“.

1886—89 — עדיטאָריעלס און אַרטיקלען אין דעם ענגלישען סאָציאַליסטישען אָרגאַן „וואָרקינגמענס אדוואָקייט“.

1888 — ענגלישע בראָשורע אַרויסגעגעבען פון דער ס. פּ. „סאָשעל דעמענדס“.

1889—90 — אַרטיקלען, איבערזעצונגען, פּאָפּולאַריזאַציעס אין דער „אַרבייטער צייטונג“, אונטער די נעמען סאָציוס און דוד בערנשטיין.

דער אָנפאַנג פון די „סדרות“ אונטער'ן נאָמען „פּראָלעטאַרישקער בעל דרשן“, און „פון א וואָרט א קוואָרט“ אונטער'ן נאָמען „פּראָלעטאַרישקער בעל־דברן“.

1891—95 — רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער צייטונג“.

1893—97 — רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט“.

1895 — „פּראָווידענשעל מעטש“ (קורצע ערצעהלונג) אין דעם ענגלישען מאגאזין „שאָרט סטאָריעס“.

1896 — „יעקל“. גרויסע ענגלישע ערצעהלונג.

1896 — רפאל נעריצך.

1897 — רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“. (אכט מאָנאַטען).

1897 — „אימפּאָרטעד ברײדגרום“. ענגלישע ערצעהלונג.

1897—01 — אויף'ן סטעף פון דעם „קאָמערשעל אדייערטייזער" (דער איצטיגער „גלאָוב").

1897—09 — אַ גרויסע צאָהל אַרטיקלען און סקעטשעס אין „קאָמערשעל אדווערטייזער" און אין די „איוונינג פּאָסט".

1897 — „סאָירקאמסטענסעס", ערצעהלונג אין „קאָסמאָפּאָליטאַן" מאגאזין.

1898 — נשמה יתרה, אין „פאָרווערטס".

1898 — די צוויי אידישע בראָשורען „דער אלף־בית פון סאָציאַליזמוס" און אַ פּאָפּולאַריזאַציאָן פון קאַרל מארקס' „לאָהן־ארבייט און קאפּיטאַל".

1898 — „ראָשען דזשו אין אמעריקא", אַרטיקעל אין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי".

1899 — „יאָנגער ראָשען רייטערס", אַרטיקעל איבער רוסישע ליטעראַטור אין דעם ענגלישען מאגאזין „פאָרום".

1899 — „ראַבבי אליעזר'ס קריסטמעס", ערצעהלונג אין „סקריבנער'ס מאגאזין".

1899 — „אַפּאָסטייט אָוו טשעגאַ־טשעג", ערצעהלונג אין „סענטשורי מאגאזין".

1900 — „מעררידזש ביי פּראקסי", ערצעהלונג אין „עוורי־באדי'ס מאגאזין".

1901 — רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס".

1901 — „טשינשאדי אָוו דהי קעטסקיללס", ערצעהלונג אין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי".

1901 — „סלייוו אָוו קאונט בראנצעף", ערצעהלונג אין „איינסלי'ס מאגאזין".

1901 — „דמיטרי און זיגריד", ערצעהלונג.

1901 — „ראָשען נייהיליזם אָוו טודיי", אַרטיקעל אין „פאראם" מאגאזין.

1902 — „מענטעל אָוו טאָלסטאָי", אַרטיקעל אין „בוקמען" מאגאזין.

1903 — ליטעראַרישע קריטיקען אין „פאראם".

1900—10 — **פיעלע אַרטיקלען איבער ליטעראַטור אין „נאָרטה אַמעריקאַן ריוויו", „בוקמען" און „וואָירלד'ס וואָירק".**

1908 — **„ווהייט טעררער ענד דהי רעד", ענגלישער ראָמאַן.**

וואו איהר קענט לעזען וועגען אב. קאַהאַן.

א ליסטע פון ענסייקלאָפּעדיעס און אַנדערע גרויסע ווערקע, וועלכע דרוּקען אַבהאַנדלונגען וועגען אב. קאַהאַן אַלס שרייבער, רעדנער און סאָציאַליסטישער טהוער.

1. „דהי ניו אינטערנייּשאַנאַל ענסייקלאָפּידיע", ארויסגעגעבען פון דאוד, מיעד און קאָמפּ., 1902, אין דעם דריטען באַנד, פּיידזש 727.

2. „דהי נייּשאַנעל ענסייקלאָפּידיע אָוו אמעריקאַן בייאָגראַפיע", ארויסגעגעבען פון דזשיימס ט. וואיט און קאָמפּ., אין דעם 11טען באַנד, פּיידזש 171.

3. „דהי דזשואיש ענסייקלאָפּידיע", ארויסגעגעבען פון פונק ענד וואַגנעל, 1902, אין דעם 3טען באַנד, פּיידזש 490.

4. „דהי ענסייקלאָפּידיע אַמעריקאַנא".

5. „הו איז הו אין אַמעריקא" (ווער איז ווער אין אמעריקא), א בוך פון די בעריהמטע מענשען פון די פעראייניגטע שטאַאטען.

6. „הו איז הו אין ניו יאָרק" (ווער איז ווער אין ניו יאָרק), א בוך פון די בעריהמטע מענשען אין ניו יאָרק.

7. „דהי בוקמאַן", באַנד 4, פּיידזש 157; באַנד 5, פּיידזש 513.

8. „דהי היסטאָרי אוו דהי דזשואיש ליטערייטשור", פון פּראָפעסאָר וויענער, פּיידזש 216.

9. „דהי ריעדרס", א מאָנאַטליכער ליטעראַרישער זשורנאַל, אין די אויסגאַבע פון דעצעמבער 1902.

10. „דהי דזשואיש קראָניקל", א וועכענטליכער זשורנאַל, ווערט ארויסגעגעבען אין לאָנדאָן, אין די אויסגאַבע פון אויגוסט דעם 12טען 1904.

יובילעאום־קאָמיטע:

דר. דזש. אָרטמאַן
דר. דזש. האַלפּערן
דר. דזש. צוקערמאַן
דר. באַדאַנעס
מאָררים הילקוויט
מייער לאָנדאָן
ר. מיכאַילאָווסקי
מ. לינט
דר. ס. פּעסקין
א. ליעסין
ב. פייגענבוים
דר. מ. באַראַנאָוו
ז. ליבין
דר. אב. קאַספּע
נ. אָלעניקאָף
אַלעקסאַנדער הארקאַווי
דר. י. מאַרגאָלים
ש. יאַנאָווסקי
מ. קאַטצענעלענבויגען
דר. מ. גורעוויטש
מ. פריידום
דר. בערלין
דר. סירקין
לינקאָלן סטעפענס
אַפּגוט
עד. קינג
ל. גאָטליעב
ס. צעכנאָוויטש

מ. פיין
מ. וויינשטיין
מ. גיללים
א. העלד
ב. שלעזינגער
דזש. וויים
ק. ראַמאָ
דר. טש. רוססיאַנאָוו
דר. פישבערג
יצחק גאָלדבערג
א. האַלפּערן
א. שיינבערג
מ. ראָזענפעלד
מ. יפה
מ. טורעטץ
דר. אַראָנסאָן
דר. הימאָוויטש
דר. זאָלאָטאַראָף
דזש. פענקין
ק. פאָרענבערג
דר. ראַאַם
אַלעקסאַנדער יאָנאַס
הערמאַן שליטער
וואָלינג
סטאָוקס
האָנטער
מרס. סטאָוקס
דר. ראַיעווסקי